STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10055

DOS BUKH FUN LIEBE

Morris Rosenfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס בוך פון ליעבע

אין צוויי טייל

פון

מאָררים ראָזענפעלד

THE BOOK OF LOVE

by

MORRIS ROSENFELD

הויפט פערקויף ביי

מ. גורעוויטש, 204 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

COPYRIGHTED BY
MORRIS ROSENFELD
1914

ערשטער טייל

(אָריגינעלע ליעדער)

ליעבע, ליידענשאַפט און זינד

דאָס בוך איז מיט אויפריכטיגער פאָטער־
ליעבע געווידמעט צו מיינע דריי טעכטער —
דאָרא, פריעדא איזאָנאַ און ראָזע.

דער פערפאסער.

דעם דיכטער'ס פאָרוואָרט

„דאָס בוך פון ליעבע" האָט דעם גוטען מזל צו זיין א בן יחיד אויף דעם אידישען ביכער־מארק. דען אויב אונזער ליטעראַטור איז ווירקליך אָרעם אין פערגלייך מיט די ליטעראַ־טורען פון ציוויליזירטע פעלקער, דאַן איז זי צום אָרעמסטען אין דעם פּרט פון ליעבע־ליעדער. מיר האָבען אויסגעדריקט אונזער ליעבע צום אונטערדריקטען ארבייטער און פערפאָלגטען איד; אָבער די גאָלדענע ליעבע, פון וועלכע עס איז אזוי שעהן, פיעל און הארציג געזונגען ביי אנדערע פעלקער, די דאָזיגע ליעבע איז אין אונזער מאַמע־לשון געבליבען ניט בעזונגען.

עס האָט מאנכער שרייבער געזוכט צו זינגען דאָס ליעד פון ליעבע, ליידער איז פון זיין געזאנג צו זעהן, אז זיין ליעבע איז א געמאכטע, א צונעקלערטע, א פּאַפּיערענע; אז ער האָט קיינמאָל ניט געליעבט מיט אַן אמת־פּאָעטישען פייער. איינער שעהמט זיך צומאָל ניט צו געשטעהן עפענטליך אין זיינע ליעבעס־פערזען, אז זיין געליעבטע איז אַן אויסגעטראכטע, אז זיין פאנטאזיע האָט געשאפען א גולם אין דער געשטאַלט פון א פרוי, כדי ער זאָל פאר איהר זינגען זיינע ליעבעס־ליידען. קוים אָבער האָט ער זיינע ליעדער אָבגעזונגען, הייסט ער זיין „געליעבטע" פערשווינדען, ווייל ער דארף איהר ניט מעהר. זיין גאנצער „בעשאפען" איהר איז נור געווען כדי צו שרייבען ליעדער און ניט מעהר...

מען קען זיך לייכט דענקען וועלכען ממשות אזעלכע „מאכערייקעס" האָבען, ווי זיי אפּעלירען צום הארץ און צו

דער נשמה פון די, וואָס וואָלטען זיך געוואָלט דערקוויקען מיט אמת'ע ליעבע־ליעדער. מאנכע שרייבער האָבען סתם גערעוועט „איך ליעב דיך", „איך שטארב פאר דיין פנים", או. אז. וו. זיי האָבען סתם געמאכט ליעבע־ליעדער פון מאָדע וועגען. מאנכע זיינען גאָר פערקראָכען צו פיעל „אָן א זייט", מיינענדיג, אַז דאָס איז ליעבע... סיי ווי סיי, דאָס אמת'ע ליעבע־ליעד, דאָס ריינע נשמה'דיגע ליעבע־ליעד איז ביז איצט אין אונזער מוטער־שפּראך ניט געווען.

איך שמייכעל מיך מיט דעם געדאנק, דאָס אמת'ע און עהרליכע ליטעראטור־מבינים וועלען דערקענען, אַז מיינע גע־זאנגען אין דעם דאָזיגען „בוך פון ליעבע" זיינען אמת'ע, דורכ־געלעבטע, פּונקט ווי עס זיינען מיינע ארבייטער־ליעדער, נאציאָ־נאַלע ליעדער און נאטור־געזאנגען.

כדי אַרויפצולעגען אויף דעם דאָזיגען בוך דעם ריכטיגען אידישען שטעמפּעל און איהם צוצוגעבען מעהר פּאָעטישען חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון אידישע לעזער, האָב איך מיר גענומען די אנגענעהמע, הייליגע מיה צו איבערזעצען אין אמת אידישע אידיש גאַנץ שיר השירים, וועלכער איז אָהן דעם מינדעסטען צווייפעל דער גרעסטער אוצר פון אָריענטאַלישע פּאָעזיע. ווי אַן ענגלישער קריטיקער האָט זיך אויסגעדריקט: „ווען די ביבעל וואָלט נור געהאַט אין זיך אַזא פּערל ווי שיר השירים אַליין, וואָלט זי שוין אויך פערדיענט דעם נאָמען „אייביגער בוך".

מאָררים ראָזענפעלד.

ניו יאָרק, אפּריל 23, 1914.

1

אין פריהלינג

און טאנצט דער מאי זיין גרינעם טאנץ,
די צייט שווינד'ט די בעטריבטע,
איז יעדער פרוי א בלום פון קראנץ
פון מיינע היים־געליעבטע.

זיי האבען אלע טויזענד חן
אין פריהלינגם גאלד'נעם היכל ;
זיי זיינען אלע וואונדער שעהן,
פול פראכט און זיסען שמייכעל.

יא, רחל גליהט און לאה בליהט,
און גאלדעלע איז וואונדער,
און דינה שמידט, און מינע ציהט,
און יעד'רע נעהמט בעזונדער.

אט ליעב איך מיך אין דער גאר איין,
אט ליעב איך פלוצלונג יענער.
די ליעבע געהט ארום, אריין,
און שטענדיג קומט זי שעהנער.

גענוג, דו מאַי, גענוג, ניט מעהר!
איהר, פויגעל, הערט אויף זינגען!
עס ווערט דאָס האַרץ מיר פיעל צו שווער,
עס וויל אין ברוסט צושפרינגען.

איך וויל נור איינע שעהן און פיין,
הערט אויף מיך מעהר צו וועקען!
זאָל איינע און אַ רעכטע זיין,
און ס'וועט מיר ענדליך קלעקען.

2

אין וואַלד

מיר האָבען דורכ׳ן וואַלד געדרונגען,
פון צווייגען און בלעטער בעדעקט.
די פויגעל האָבען געזונגען,
שלאָף־עפּעלעך געשמעקט.

אַ גלאָק האָט פרעמד געקלונגען
פון אַ קוה אין וואַלד פערשטעקט.
די פויגעל האָבען געזונגען,
שלאָף־עפּעלאך געשמעקט.

דו האָסט זיך ניט געדונגען,
די חרפּה אָבגעמעקט.
די פויגעל האָבען געזונגען,
שלאָף־עפּעלעך געשמעקט...

3

דער וואַלד בעהאַלט

אין וואַלד אויף בלעטער און היי,
אין זומער ווינדס געשמאַקען וועה
מיר זיצען אין געננום.
עס ווערט קיין פּיפּץ, קיין שאָרך געהערט,
אַן עפּעס נור די שטילקייט שטערט,
און דאָס איז אונזער קום.

דו דריקסט זיך צו מיין בוזים שטום,
און ענדליך נעהמסט דו מיך אַרום,
דיין בליק דער זיסער בליצט.
און מיט דיין ברוסט צו מיר געדריקט
די ווערטער שטאַמעלסט דו פערשטיקט:
„נון, ליעב מיך, ליעב מיך איצט!“

איך ליעב דיך אויף דער גרינער בעט,
איך ליעב דיך היים, און ניט גערעדט,
איך ליעב ווי שטאַרק איך קען.
דער שטילער וואַלד קוקט צו און שוויינט,
אין טויזענד בוימער שטום, פערצווייגט
בלייבט אַלץ, וואָס ס'איז געשעהן.

4

אין מאַי

דאָס וואַסער איז רוהיג און קיהל
  און ציהט זיך אין לאַנקע אריין;
דאָס שיפעלע שאָקעלט זיך שטיל,
  בעלויכטען פון גאָלדענעם שיין.

פון וועלדעל דאָרט קוקען אַרוים
  צוויי יונגע געשטאַלטען בעגליקט:
די פאַסטושקע זיצט אויפ׳ן שוים
  פון פאַסטוך פערליעבט און ענטציקט.

ער קושט איהר דאָס זיסע געזיכט
  און גלעט איהרע גאָלדענע האָר,
די זון שיקט אַרונטער איהר ליכט,
  די פויגעלעך זינגען אין קאָר.

דער הונד נעבען זיי שטעהט און היט,
  די וויעזע איז פריש און בעגראָזט,
אַרום איז עס מאַי און עס בליהט,
  אַ יונגענקער ווינטעלע בלאָזט.

אָט דאָס רופט מען ליעבע, מיין קינד,
יא, ליעבע ערהויבען און רייך!
דאָס וועטער איז מילד און איז לינד,
מיר פאָהרען אַרום אויפ'ן טייך.

5

בעזיעגט

די צייט קומט, דו מוזט טהאָן דיין פפליכט.
אַ רויטקייט בעגיסט דיין געזיכט,
דיין אויג בליקט פון חרפּה אַראָב,
די אונשולד בעוועבט דיר דיין קאָפּ,
עס ציטערט אין בוזים דיין ברוסט,
דו אַהנסט מיין פערלאַנג און מיין לוסט.
דאָך איך קוש דיין שאַנד דיר אַוועק,
די אונשולד, דעם הייליגען שרעק.
די ליעבע ערוועקט זיך אין דיר,
דו פיהלסט דאַן, אַז דו ביזט פאַר מיר,
און גיעבסט מיר דיין גייסט און דיין לייב,
און ווערסט, ווי עס בעט זיך, מיין ווייב.
דאָ שפּיעלט די נאַטור שוין איהר שפּיעל.
לאָזט טהאָן מיט זיך וואָס נור איך וויל,
און גאָט קוקט אונז אָן און ער קוועלט:
מיר העלפען בענייען זיין וועלט...

6

אין קאָרידאָר

בײַ נאַכט, דער קאָרידאָר איז שוואַרץ,
מיר שטעהען ביידע שאַ און שטום;
איך נעהם דיר הייליג־היים אַרום
און דריק דיך פּיב׳ריש צו מיין האַרץ.

מיר שרעקען צו אָטהעמען פריי
און שלינגען די קושען אַראָב,
מיין ליעבע שוועבט איבער דיין קאָפּ
אַן אייביגער, הימעלשער מאַי.

עס רוהט יעדער מענש אין זיין בעט,
מיר ווערען פון קיינעם געשטערט,
דער שאטען נור, דאַכט זיך מיר, זעהט,
די פינסטערניש, דאַכט זיך מיר, הערט.

7

זיסע מינוטען

ווי האָב איך דעם נעקטאַר געזויגען
בײַ דיר פֿון דײַן מײַלעלע זיס!
ווי האָב איך געקושט דײַנע אויגען!
געקושט דיר די הענד און די פֿיס!

איך האָב אַרום האַלז זיך פֿערבונדען
מיט דײַנע גין־גאָלדענע האָר,
פֿאַרגעסען אין האַרצען די וואונדען,
פֿאַרגעסען די ערדישקייט גאָר.

איך בין אויף דײַן בוזים געלעגען
פֿער׳שיכור׳ט פֿון הימעלשען ג׳נוס;
די וועלט איז געווען מײַן פֿערמעגען,
מײַן לעבען — דײַן ברענענדער קוס.

דײַן ברוסט האָט געקוויקט מיט אַ גליהען,
און זיס איז געוועזען דײַן שוים;
מײַן גײַסט האָט צושפּיעלט זיך אין בליהען,
מײַן זון איז געווען אַזוי גרוים!

איך וועל די מינוטען געדענקען,
זיי זיינען געוועןּ אזוי גוט!
זיי מאַכען מיך וויינען און בענקען,
זיי מאַכען מיר זידען דאָס בלוט.

8

צוריק פון פעלד

דו האָסט די שאָף געטריעבען
פון דעם געווירצטען היי,
און מיר — אין אונזער ליעבען,
האָב'ן נאָכגעשפּרייזט נאָך זיי.

מיר האָב'ן גערעדט פון זאנגען,
פון גרינעם בארג, פון טהאָל;
אַ חיות איז געגאַנגען
דורך דיין געבענשטען קול.

ביזט באָרוועס דאַן געוועזען,
איך האָב געקוקט דערויף:
דורך דיינע פּים געלעזען
די סודות פון דיין גוף.

דיין אויג האָט זיס געגליהט דאַן,
ווי יענער זון'ס פערגעהן.
ווי רייך דו האָסט געבליהט דאַן!
דו ביזט געוועזען שעהן.

9

בײַ׳ם בוים

בײַ׳ם בוים דאָרט האָט געקלונגען:
מיר האָב׳ן זיך קוש׳ן געטוישט;
דער פֿויגעל האָט געזונגען,
דאָס וואַסער האָט גערוישט.

ביזט מיט די שאָף געקומען,
האָסט זײ צום שטאַל געבראַכט.
איך האָב דײַן האַנד גענומען
און דיר געקושט „גוט נאַכט“.

די צײַט איז לאַנג אַריבער
פֿון יענער שטונד מיט דיר,
דאָך לאָזט זי שטענדיג איבער
אַ טיעפֿען וועה אין מיר.

10

בּערג און וואַלד.

אין די בערג איז שטיל. מיר שפּאַצירען.
אַרום אונז גרינען די בוימער,
אין אונז זעלטענע געפיהלען יירען.
מיר ווייסען ניט וואָס מיר דערשפּירען,
מיר זיינען ניט מעהר ווי טרוימער.

אין די פעלזען די וואַסערם רינען,
די פויגעלעך גיבען קלאַנגען,
מיר קענען קיין ווערטער געפינען.
מחשבות זיך הימעלשע שפּינען,
מיר זיינען פון צויבער געפאַנגען.

מיר הערען אַ שאָרך אין די צווייגען,
און ווערען אַ ווײַלע דערשראָקען.
מיר קוקען זיך אָן און מיר שווייגען,
און אונזערע חלומות שטייגען.
איך גלעט דיינע שעהנע לאָקען.

דו פֿרעסט צו מיין ברוסט זיך מיט צניעות,
איך פֿיהל אזא זיסע נחמה,
איך קוש דיך, איך דריק דיך אָהן פּניות,
עס וואַכט אויף אַ הייליגער חיות.
איך פֿיהל אין די בערג אַ נשמה.

***

עס איז אַ פרייד אין וואַלד,
אַ פעסט אין וואַלד אין שטילען,
ווי צו אַ האָכצייט באַלד
די לופט־כלי־זמרים שפּיעלען.

עס פּוצט זיך יעדער בוים,
עס גרינען אַלע צווייגען,
אַ שמעקענדיגער טרוים
פאַנגט אָן אין לופט צו שטייגען.

די פויגעל זינגען מעהר,
די יאַגדעס ווערען רייפער,
עס שטעהט דער דעמב דער פער
גאָר מעכטיגער און שטייפער.

אָ, ווייסט איהר, ווייסט איהר ווער
די פרייד פון וואַלד דעם קיהלען?
מיין זיסע קומט אַהער
מיט מיר אַ ליעבע שפּילען.

מאַדאָנאַ

מאַדאָנאַ איך קניע פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך גליה פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך דאַרב פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך שטאַרב פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך לייד פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך שטרייט פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך קלאָג פאַר דיר,
מאַדאָנאַ, איך זאָג פאַר דיר
מיט אַ האַרץ וואונדיג און טריב:
„געבענשטע, איך האָב דיך ליעב“.

די שעהנסטע בלום

די בעקעלעך דיינע, ווי קוויטען,
זיי שמעקען גן עדן־פּאַרפום.
זעהסט אויס ווי אין מאַי'ס יונגע בייטען
אַ פרישע, אַ שמייכלענדע בלום.

איך זעה דיך, עס וואַקסט מיין בעגעהרען,
עס וואַכט אויף אַ הייליגע לוסט.
ווי וואָלט איך אַ שמעטערלינג ווערען
און זיצען ביי דיר אויף דער ברוסט!

איך וואָלט פון דיין שעהנקייט נור קלעהרען,
דיין שעהנקייט, וואָס קיין פרוי פערמאָגט.
איך וואָלט דאַן מיט זשעדנעקייט הערען
ווי הייליג דאָס האַרץ ביי דיר שלאָגט.

דאָרט וואָלט איך דעם אמת פערנומען,
וואָס טיעף אין נשמה דיר גליהט,
דו הערליכסטע בלום פון די בלומען,
ווי פרעכטיג דיין ליעבע דאָרט בליהט!

לעבען און טויט

נעהמט צו ביי מיר אַלץ אויף דער וועלט:
מיין כבוד, מיין נאָמען, מיין געלד,
נור נעהמט ניט די ליעבע צוגלייך;
דאַן בין איך אי גליקליך אי רייך.

קוים האָב איך די ליעבסטע ביי מיר,
דאַן בין איך בעריהמט און אַ גביר;
אין בוזים ביי איהר איז אַלצדינג
פון וואָס נור איך טרוים און איך זינג.

איין זאַך נור קען איך ניט פערשטעהן,
ווי וועל איך אין גרוב זיך בעגעהן
די גאַנצע פערשאַלטענע צייט,
ניט האָבענדיג איהר ביי מיין זייט?

נעבען וואַסער־מיהל

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען
יענעם זיסען אויגענבליק,
כ'בין דאָן נעבען דיר געזעסען
ביי דעם מיהל דאָרט נעבען בריק.

אונטען האָבען ג'רוישט די וועלען
מיט אַן אומעטיג געשריי.
אויבען האָבען אונז'רע זעעלען
האַסטיג נאָכגערוישט נאָך זיי.

אונטען האָט דער ראָד געפּלוידערט
אין דעם אַלטען וואַסער־מיהל,
אויבען האָט מיין גייסט געשווידערט
אין דיין ליעבע נאָה'נטקייט שטיל.

יענער וואַסער רוישט צייט יאָהרען,
און דער ראָד, ער דרעהט און דרעהט...
מיר נור זיינען שטום געוואָרען
צייט מיר האָבען זיך צושיידט.

אַ ווייב

וואָס ליעגט אין דיר פאַר אַ גוואַלד,
וואָס שלעפּט מיך, וואָס מיך האַלט·
געליעבטע, צו דיר נאָה'נט,
וואָס צייט איך וויים דיך· ציהט
מיין האַרץ צו דיר און גליהט,
צייט איך האָב דיך דערקאָנט?

וואו טראָגסט דו דיין מאַגנעט,
וואָס ציהט· וואָס גלעט, וואָס רעדט,
וואָס הערשט און וואָס בעפעהלט?
וואו האַלסט דו· זאָג· ביי זיך
מיין האַרץ, מיין גייסט, מיין „איך",
מיין לעבען און מיין וועלט?

דו ביזט דאָך דאַכט זיך נאָר
אַ ביין, אַ בינטעל האָר,
און גאָר ניט צופיעל לייב;
ביזט דאַכט זיך נור אַ „בים",
דאָך ביזט דו אַזוי זים, —
דו ביזט אַ ווייב!

אַלץ דורך דיר

דיין פרייד מאַכט בליהען קוויטען,
און ווינטער מאַכט דיין שמאַרץ.
און בליהט דאָס ניט אויף ביימען,
דאַן בליהט דאָס מיר אין האַרץ.

איין וואונק פון דיינם אַן אויגעל
שטימט אַן צום ליעד די קעהל;
און זינגען ניט די פויגעל,
דאַן זינגט מיין זעעלע העל.

און פון דיין בייזער ווערען
די ליכט פון הימעל שוואַרץ.
און לעש'ן זיך ניט די שטערען,
דאַן לעשט דאָס זיך, מיין האַרץ.

אַ חלום

די נאַכט און דיין אויג זיינען שוואַרץ,
די זון, דיין נשמה, איז העל.
איך שטעה ווי אַ גייסט אויף דיין שוועל,
און רעד ווי אַ טרוים צו דיין האַרץ.

דו לעגסט זיך אין בעט און פערטראַכט
פערבלאָנדזשעט דיין בוזים צו מיר:
„געליעבטער, איך וואַרט ביי דיין טהיר,
מאַך אויף! עס איז שרעקליך די נאַכט.“

איך עפען און דו קומסט אַריין.
אַ גליהענדער כשוף... עס ברענט...
איך קוש דיר די שנעע־ווייסע הענט,
אין בליק דיר די גאָלדענע שיין.

דאָס איז נור אַ חלום, מיין קינד!
אַ קורצער, אַ זומערנאַכטס־טרוים,
אַ צויבער, עס גלויבט זיך מיר קוים,
אַ רויך, וואָס פערפליהט מיט'ן ווינד...

איהר קומען

איהר זיידענע שלעפּ,
זי רוישט אויף די טרעפּ,
איך הער איהר קומען.
פון איהר טריט דער קלאַנג
איז זיס ווי געזאַנג,
ווי דופט פון בלומען.
איך דערפיהל אַ פרייד,
ווען מיין ליעבסטע געהט.

די טהיר מאַכט זיך אויף,
איהר גראַציעזער גוף,
שעהן ווי איהר זעעלע,
ערשיינט פאַר מיין בליק.
איך ווער פול מיט גליק.
געדאַנקען העלע
דערלאַנגען אַ שיין,
דערקוויקען ווי ווייך.

וואָס מיר טהוען גלייך,
דאָס איז ניט פאַר אייך.
אָ, פריינד, צו וויסען.
עס קען ניט קיין רייד
דערצעהלען די פרייד,
וואָס מיר געניסען.
די וועלט איז דאַן שפּאָט,
ס'איז ליעבע און גאָט!

צדקה

כל־זמן דו האָסט מיר ברעקלעך ליעבע
צוגעשאַרט ווי צו אַ בעטלער,
האָב איך געקוואָלען פון דיין צדקה
און געשאַצט זיך גליקליך.

אַ בליק, אַ וואָרט, אַ גלעט, אַ שמייכעל —
כּרוב־שיריים פון די הימלען.
איך האָב זיי ליעב צונויפגעקליבען
און געהאַלטען טהייער.

קוים האָסט דו זיך מיר איבערגעבען
לייב און לעבען גאָר אין גאַנצען,
דאָן בין איך בלויז אַ רייכער קבצן
און איך שמאַכט נאָך ברעקלעך.

באַלד

באַלד וועל איך טרוימענד זיצען
בײַ דער געליעבטער ווייב ;
באַלד וועט מיין זעעלע בליצען
בײַ איהר געבענשטען לייב.

באַלד וועט זי מיך אומשלינגען
מיט איהרע צאַרטע הענד ;
באַלד וועט זי פרייד מיר ברינגען,
דעם לעבענס זיסטען בלענד.

באַלד וועל בײַ איהר איך קריעגען
דעם קוש, נאָך וואָס איך שמאַכט.
איך קוועל מיט פערגעניגען
און מיין נשמה לאַכט.

באַלד וועל איך קענען זינגען
דעם הייליגסטען געזאַנג,
באַלד וועט מיין שטימע קלינגען
מיט דעם געשמאַקסטען קלאַנג.

דו פערגעסט

דו ברענגסט מיר ארויף אויף דער סצענע
דיין בעשולדיגונג און דו פרעגסט:
„ווי ליעבסט דו מיך און ליעבסט אויך יענע?
ערקלעהר מיר ווי אזוי דו מעגסט!“

כ׳ווייס ניט, ליעבסטע, איך קען דיר שווערען,
אז דו ביזט די איינציגע מיר,
און כ׳קען מיר אליין ניט ערקלעהרען
ווי איך ליעב אנדערע חוץ דיר.

עס פרעגט אויך די ליליע מיין העזה,
די חוצפה׳דיגקייט ביי מיר
צו ליעבען אי איהר, אי די ראזע,
צו ליעבען נאך בלומען חוץ איהר.

דאך יעדע בלום האט איהר פארפומע,
האט איהר קאליר, רייץ און איהר חן:
עס קען מיך די ליליע די פרומע
ניט האלטען פאר זיך נור אליין.

גנבות

איך גנב'ע אַ שמייכעל פון דיין פּנים
און ב'האַלט איהם טיעף אין האַרצען.
כ'גנב'ע דעם שאטען פון דיינע לאָקען
און ב'האַלט איהם אין מיין זעעלע.

כ'גנב'ע אַ שטראַהל פון דיינע אויגען
און ב'האַלט איהם אין די נערווען.
איך גנב'ע אַ ציטער פון דיין בוזים
און ב'האַלט איהם אין די געפיהלען.

און פון די דאָזיגע גנבות ווערען
די פלאַמען פון מיין ליעבע.
איך טראָג דיך אין זיך, מיין געליעבטעסטע,
און דו ביזט דאָך ניט מיינע.

גנבות זיסע! הייליגע גנבות!
מאַכט רייך מיר די נשמה!
איך וועל אייך צוריק מעהר ניט אָבגעבען,
איך נעהם אייך מיט אין קבר.

מיינע מתנות

איך האָב מיין העלע נשמה אַריינגעפלאָכטען
אין דיינע שווארצע צעפּ די ריינע.
איך האָב דעם פויגעל פון מיין פאַנטאַזיע גע׳שחט׳ען,
מיט איהם בעפּוצט דיין הוט די שעהנע.

איך האָב אַרויסגעריסען פון מיין הארץ די בלומען,
געמאַכט אַ קראַנץ און איהם געבראַכט דיר.
איך האָב די ליאַלקע פון מיין אויג אַרויסגענומען,
אַ שפּילקע פאַר דיין ברוסט געמאַכט דיר.

איך האָב מיין גאַנצען „איך״ פאַר דיר, מיין טהייער לעבען,
אַוועקגעשיינקט מיט ליעבעס פריידען,
איך האָב דיר מיין גייסט און מיין לייב אַוועקגעגעבען,
און ענדליך דאָך געמוזט פון דיר זיך שיידען.

געפונען

איך האָב געפונען אַ טרוים אין דיינע לאָקען,
איז ער געווען צופיעל פערפּלאָנטערט;
געפונען אַ נבואה אין דיינע אויגען,
דאָך אונפערשטענדליך, אָהן אַ פּירוש.

איך האָב געפונען אַ ג׳דאַנקען אין דיין שמייכעל,
אַ דאָפּעלט־דייטיגען געדאנקען.
איך האָב געפונען אַ ליכט אין דיין נשמה,
איז דאָס געוועזען אַן הבדלה...

דאָך אין דיין האַרצען האָב איך אַ שלאַנג געפונען,
אַ קאַלטען קנויל, אַ בייזען סם׳ער —
איך האָב געזוכט איהר צו ענטגיפטען,
דאָס איז מיר לייד׳ער ניט געלונגען.

ניט פאַר מיר

ניטאָ אין דיר אַ שפּאַן,
וואָס זאָל ניט זיין אַ פּראַכט,
ווי זאָל פון דיר אַ מאַן
ניט טרוימען טאָג און נאַכט ?

פון שטערען ביז די פיס
ביזט דו פול גייסט און ליכט.
איך פיהל ווי דו ביזט זיס
און איך ווער אויפגעריכט.

אָט וואו עס פאלט מיין בליק
אויף דיין געטאָקטען לייב,
דערזעה איך לוסט און גליק,
דו גאָט געבענשטעס ווייב !

דאָך, ווען איך וויים בעשטימט,
אַז קריעגען דיך איז שווער,
דאַן ווערט מיין פרייד פערקרימט
און איך פערליר אַ טרעהר.

אין ערוואַרטונג

דו שרייבסט, אַז דו וועסט קומען —
איך שטעה און וואַרט געגרייט,
איך וואַרט אויף דיר מיט בלומען
די שעהנסטע פון דעם בייט.

איך זאָג זיי שטיל פאַר וועמען
איך טראָג זיי דאָ אַרום,
אַז דו וועסט זיי פערשעהמען,
דו שעהנע הימעלס־בלום!

זיי פליסען זיך און דופטען
פיעל ערליכער ווי פריהער,
דאָך איך פיהל אין דער לופטען
שוין שמעקט דאָס ליעב מיט דיר.

עס האָט די רייכע בלומע
מיט גאָר איהר פראַכט פאַר מיר
ניט יענעם מין פאַרפומע,
וואָס דו פערמאָגסט אין דיר.

אַ שאָד

קום און ליעב מיך, מאָררים,
מיין האַרץ איז קראַנק און וואונד;
קום און ליעב מיך, מאָררים,
און קוש מיר צו געזונד!

קום און ליעב מיך, מאָררים,
ס'איז אומעטיג אַ גרויל!
קום און ליעב מיך, מאָררים,
און מאַך מיר פיהלען וואויל!

קום און ליעב מיך, מאָררים,
און קוש מיר העל דעם בליק;
קום און ליעב מיך, מאָררים,
און מאַך מיך לעבעדיג!

אָ, די גרוב איז שרעקליך,
עס הערשען נאַכט און קעלט.
גיב מיר אַ נשמה,
און האַלט מיך אויף דער וועלט!

בעט'סט אומזיסט, געליעבטע,
מוזט בלייבען ביי דיין נויט,
כ'בין שוין אויך געשטאָרבען,
איך בין פון לאַנג שוין טויט.

איך בין אָבגעשטאָרבען
נאָך פריהער פיעל פאַר דיר,
צייט דיין בייזען ענטפער,
אַז דו ביזט ניט פאַר מיר.

צו שפּעט

איך וואָלט דיך געליעבט,
נור איך קען ניט.
איך וואָלט דיך געליעבט,
נור איך ברען ניט.
מיין פייער, ער איז אָבגעקיהלט,
געליעבטע, איך בין אויסגעשפּיעלט.

נאָך דער צייט ביזט דו גוט געוואָרען,
איך האָב דעם חשק שוין פערלאָרען.
דו וויינסט אַצינד:
„איך האָב דיך האָלד“.
צו שפּעט, מיין קינד,
צו שפּעט, מיין גאָלד!

פאַרוואָס האָסט דו פריהער געשוויגען,
ווען איך האָב געזוכט דיך צו קריגען?
דער ווילדער ווינד
טראָגט מיין געבעט:
צו שפּעט, מיין קינד,
עס איז צו שפּעט!

װען איך האָב געבעטען מיט טרעהרען,
דאַן האָסט דו מיר ניט געוואָלט הערען.
איצט ווײנסט דו בלינד
די אויגען דיר.
צו שפּעט, מײן קינד,
צו שפּעט פאַר מיר!

מיר ליעבען נור דאַן ווען מיר קענען,
דער פייער קען אייביג ניט ברענען,
ער לעשט געשווינד.
ס'איז דײן געצאָהלט:
צו שפּעט, מײן קינד,
צו שפּעט, מײן גאָלד!

זי לאַכט

איך פרעג איהר: זאָג דאָס וואָרט, מיין גאָלד,
זאָג, מעג איך האָפען? האָסט מיך האָלד?
זי ענטפערט ניט, זי שווייגט, זי טראַכט,
בעטראַכט מיך שעלמיש און זי לאַכט.

זאָג, בעט איך איהר צום לעצטען מאָל,
זאָג, ליעבסט דו מיך? דו ווייב פון שטאָהל
זאָג, מעג איך ווארטען שוין? — זי טראַכט,
זי ענטפערט ניט, זי שווייגט, זי לאַכט.

זאָג, ווער איך בעז, אַרוים מיט רייד!
האָסט דו פאַר מיר קיין טראָפּען פרייד?
זעה, וואָס דו האָסט פון מיר געמאַכט!
זי דריקט מיך צו איהר ברוסט און לאַכט.

נור דער ווייס

נור דער, וואָס פיהלט דער ליעבעס ליידען,
אונ ווייגט איהרע שטילע טרעהרען,
נור דער מעג מיך הערען ליעבע ריידען,
נור דער וועט מיך מיט זיפצען הערען.

נור דער, וואָס לייד'ט פון דער ליעבעס שמאַרצען,
אין איהרע וועהען זיך קוועלענד,
נור דער ווייס דעם יאָמער פון מיין האַרצען,
נור דער ווייס ווי איך בין עלענד.

זיי לאַכען נאַרעש פון מיינע ביט'רע קרעכצען,
ווען איך שריי אויס: „זי איז ניטאָ מעהר!"
נור דער, וואָס מוז אַליין נאָך ליעבע לעכצ'ן,
נור אָט אָ דער ווייס מיין יאָמער.

עס לאַכט די וועלט ווען זי זעהט מיך שיידען
פון פרייד, פון לעבענס גליקען,
נור דער, וואָס ליעבט, פערשטעהט מיין ריידען,
און ווייס מיינע טריבע בליקען.

זעלמאַ

זעלמאַ, ווי שעהן ביזט דו!
זעלמאַ, דער חן ביזט דו,
זעלמאַ, דאָס גליק ביזט דו,
זעלמאַ, מוזיק ביזט דו,
זעלמאַ, אַ בלום ביזט דו,
זעלמאַ, פאַרפום ביזט דו,
זעלמאַ, דיין אויג דיר לאַכט,
זעלמאַ, דיין צאָפּ איז פּראַכט,
זעלמאַ, דיין פנים ציהט,
זעלמאַ, דיין בוזים גליהט,
זעלמאַ, ביזט הימעל־שעהן,
זעלמאַ, דיינע פּערל־צייהן
לייכטען ווי בליצען העלל,
ברענען אַזש דורך די זעעל —
קום צו מיר! מיינע זיי,
בליהענדער מענשען־מאַי!

ווי וואויל איז מיר

ווי וואויל איז מיר: כ'האָב דיך דערקענט!
ווי וואויל איז מיר: דעם פלאם, וואָס ברענט
ביי מיר אין האַרץ, האָסט דו געמאַכט,
דו, וועלכע געהט אין זיסען פראַכט,
ווי די לבנה אין דער נאַכט.
אָ, זעלמאַ הימעלשע! אָ, קינד
פון העכ'רע וועלטען! ליעב און לינד
וועהט דורך דער ברוסט דיין וואָרט, מיין גאָלד:
„איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך האָלד".

ווען דו וואָלסט וויסען, זיסער טרוים,
ווי אַלץ איז איצט מיר רויך און שוים;
ווי קיין זאַך האָט ביי מיר קיין ווערטה,
ווי אַלץ איז איצט מיר שוים און ערד,
ווי אַלץ איז איצט פאַר מיר צושטערט,
און נור איין פונקט האָט פרייד און רוה
פאַר מיר, מיין קרוין, און דאָס ביזט דו! —
קום, לעג דיין שעהנעם קאָפּ אויף מיר,
און לאָז מיך אייביג זיין מיט דיר!

ווי אַזוי...

ליעבסטע, ווי האָב איך דיך געפונען?
ליעבסטע, ווי האָב איך דיך געוואונען?
ליעבסטע, שעהנסטע פון די בלומען,
פול מיט גן עדן פארפומען,
ווי ביזט דו צו מיר געקומען?
האָב דיך דערזעהן און זיך ענטציקט.
יאָ, גאָט האָט דיך צו מיר געשיקט,
ביזט מיר אַ געטליכער געשאַנק,
ביזט מיר אַ הימעלשער געדאַנק,
אָנגעקליידט אין פלייש און בלוט.
ליעבסטע, הימעלשע, דו ביזט גוט,
ליעבסטע, הייליגער געטער־וואונק,
ליעבסטע, טהייערע, הימעל־פונק,
ליעבסטע, פרעכטיגע, שכינה־שיין,
ליעבסטע, אונשטערבליכע, ביזט מיין!

די שכינה

דיין קלייד מיט די זייד'נע שטראָקען
זי איז שעהן.
דיין ווייס געזיכט, שווארצע לאָקען,
דיינע פּערל־צייהן,
דיין שמייכעלע און דיין מינע,
דיין קלאָרער לייב —
זאָג, ליעב', ביזט דו ניט די שכינה?
ניט הימעלס ווייב?

אויף צו־להכעיס

מיר װעלען דאָך אײביג ניט לעבען,
ד׳רום זאָלסט דו פיעל קושען מיר געבען,
גיב לעבענס פערגעטערטע ברכות
דעם פינסטערען טויט אויף צו להכעיס.

קושען און ליעדער

די קושען, װאָס דו האָסט פון מיר,
פערפאַלען, זײ בלײבען בײ דיר.
אָפט װײנט אויף זײ ביטער מײן בליק,
דאָך װער קען זײ נעהמען צוריק?

מײן ליעב׳ אָבער, נשמה׳ס קאָך,
מעג גילטען פאַר אַנדערע נאָך,
דען איך האָב פון מויל ניט געבראַכט
פאַר װעמען איך האָב עס געמאַכט.

די לבנה

דער טייך איז שטיל און גלאַנציג,
איך שיף מיט איהר זיך אום.
פון אויבען קוקט די לבנה
אויף אונזער שיפעל שטום.

זי שפיגעלט אין די וועללען
איהר זילבער־ווייס געשטאַלט.
דער שטילער וואַסער שוידערט,
ער איז גאָר טיעף און קאַלט.

וואָס קוקט די בלייכע געטין
אויף אונזער שיפעל שטום?
פערגינט זי ניט איהר שוועסטער,
וואָס פאָהרט מיט מיר אַרום?

מענש אָדער בלום

ביזט דו אַ מענש צי אַ בלום
צו ריכען און בענשען?
ווי געהסט דו, זאָג, אַרום
דאָ צווישען די מענשען?

דו ביזט פול חן און פול פראַכט
ניט קיין פערדערבליכע,
איך קוק דיך אָן און איך טראַכט:
ביזט ניט קיין שטערבליכע.

פון וואַנען ביזט דו דאַ אריין
אין אונזער מענשען־ים?
דו נימפף, דו רויז, דו שיין!
דו ריינער הימעלס־פלאם!

ביזט מיינע

ביזט מיינע! אַזוי איז דאָס געבליעבען,
אַזוי איז אויבען אָנגעשריעבען;
איך וויים, אַז ווי דו זאָלסט זיך וועהרען,
מוזט דו צום סוף צו מיר געהערען.

ניט שטענדיג גילט דאַ אונזער ווילען,
געליעבטע, אין אַ ליעבע שפּיעלען.
דעם הימעל׳ם פּסק האָט פיינד אַ טענה,
ער האָט בעשטימט, אַז דו ביזט מיינע.

נון, שטעל, געליעבטע, אוים די ליפּען!
זאָל אונז אַ הייסער קוש פערקניפּען!
קענסט געגען גאָט קיין מיינונג געבען,
בעלאַנגסט צו מיר דיין גאַנצעם לעבען.

דו מיינסט

דו מיינסט, אַז איך ליעב אום צו זינגען,
מיין וועה אויפ'ן בוך־מאַרק צו ברינגען;
דו מיינסט, אַז איך ליעב אום צו מאַכען
פון ליעבע פּאָעטישע זאַכען;

דו שלעכטע! דו ווילסט גאָר ניט וויסען
ווי טיעף מיר דאָס הארץ איז צוריסען.
ווי שרעקליך די טרעהרען מיך שטיקען
דורך דיינע זיס־ביטערע בליקען.

מעג איך האָפען?

דער הויף איז אַ פערמאַכטער,
פערשלאָסען טהיר און טויער.
איך וואַנדעל אַ פערטראַכטער
אַרום דעם שטומען מויער.

די העלע פלאַמען בליצען
אַדורך די לאָדען־שפּאַלטען.
די ליעבסטע זעה איך זיצען,
אַן אָפּ'נעם בוך איהר האַלטען.

אַ, אויב זי לייענט ליעדער
פון מיינע ליעדער־ביכער,
דאַן מעג איך האָפען ווידער,
דאַן בלייבט זי מיינע זיכער.

דו פֿאַלשעס ווייב!

ווי קענסט דו ליעבען אַן אַנדערען,
ווען דו ווייסט, אַז איך בין פֿאַראַן?
ווי קענסט דו מיך לאָזען וואַנדערען
אַן עלענדען, פערליעבטען מאַן?

עס וועט דיך מיין אומעט דעריאָגען
און קוועלען גייסט און לייב,
עס וועט דיר מיין צער דערשלאָגען,
דו שלעכטעס, פֿאַלשעס ווייב!

דער פּאָטשטאַליאָן

וואָס האָט דער פּאָטשטאַליאָן פאַר מיר
דאָרט אין זיין טאָרבע טיעף?
פּיעלייכט אַ זיסען וואָרט פון איהר,
אַ זיסען בריעף?

פּיעלייכט אַ מעלדונג, און זי זאָגט
דעם אָרט אַוואו זי וואַרט?
אָ, ווער, ווי ראַש דאָס הארץ מיר שלאָגט!
מיין בליק ווי גאַרט!

אַך! ניין, ער שטעלט זיך דאָ ניט אָב,
פערביי, פערביי געהט ער!
עס טרעהרט דער בליק, עס מישט דער קאָפּ:
זי שרייבט ניט מעהר!

פאַר מיר

דו ביזט אַזוי שעהן!
דו ביזט אַזוי ריין!
אַזאַ ציער!
אַזאַ בחיר!
אַזאַ פּראַכט!
ווי געמאַכט
נור פאַר מיר,
פאַר מיר נור אַליין,
דען קיינער, ווי דיכטער אויף דר'ערד,
קען שאַצען דיין הימעלשען ווערטה.

די געליבטע

איהר לייב איז רויזענשטאָף און מילך, און דופט,
איהר זיסער שמייכעל יעדען מאַנסביל פּרובט,
איהר בליק איז פייער איינגעראַמט אין גאָלד,
ווער קען איהר זעהן און איהר ניט האָבען האָלד?
איהר וואָרט איז דער פּיפּיץ פון דער שוואַלב,
איהר אָטהעם איז יונגער גן עדן־זאַלב,
איהרע ברוסטען ווי צוויי וועללען בעוועגט,
זיי שאָקלען די זעעלע, און זי שרעקט...
ווען זי געהט זינגט די ערד אונטער איהר טריט,
זי געהט, און יעדער האַרץ געהט מיט איהר מיט,
זי לאַכט, און עס ערבליצען איהרע צייהן,
אַ זונען־טאָג אין יוני איז איהר חן,
אין איהרע האָאר געדיכט און קרויז, און שוואַרץ
ווי אין אַ וואַלד ביינאַכט פעראירט דאָס האַרץ,
און איך, אָה וועה, איך קען איהר אַזוי לאַנג —
וועט איהר פערוואונדערען מיין אונטערגאַנג?

איך האָב געזעהן

איך האָב דיר געקושט אויפ'ן מונד,
געקושט דיר דעם נאַקען,
געקושט דיינע באַקען.
דאָך וואָס אין דיין האַרץ'ס טיעפען גרונד
עס איז דאן געשעהן
האָב איך קלאָהר געזעהן:
דאָס האָט דיין אויג מיר געזאָגט,
און איך האָב אין זיך געקלאָגט.

דער מאַנד

דער מאַנד קוקט פון וואָלקען אַרויס,
ער קען דאָרטען אויבען ניט רוהען,
ער וויל דוקא וויסען דורכאויס,
וואָס מיר, די געליעבטע, דאָ טהוען.

ער קוקט אַזוי ניידיש און קאַלט,
מיט טעמפּע, מיט גליוו'רענדע בליקען.
איך בליק אויף זיין בלאַסע געשטאַלט
און פיהל טיעף אין בוזים אַ דריקען.

בעהאַלטסט דיין געזיכט אין מיין שויס,
ווי דיך וואָלט אַ מוראַ דערוועקען,
נעהם, ליעבסטע, דיין פּנים אַרויס,
דו דאַרפסט זיך פאַר קיינעם ניט שרעקען.

מעג זיין אייפערזיכטיג דער מאַנד,
ער מוז דאָס אַ שטומער פערטראָגען,
האָט קיינמאָל ניט שאַדען געקאָנט,
ניט ריידען, ניט זידלען, ניט שלאָגען.

נו, דריק זיך נור פעסטער צו מיר,
און גיעב מיר צום קושען דיין פּנים —
עס דאַרף אונז ניט געבען קיין ריהר
אויף דר'ערד צי אין הימעל קיין שונאים.

אויפ׳ן טייך

די פישער אויף דער באָקשאַ —
דו פאָהרסט מיט זיי אַרום.
איך שטעה ביי׳ם ברעג פעראומערט
און קוק פערטראַכט און שטום.

די וועללען וויעג׳ן דיין שיפעל
און זינגען דיר אַ ליעד.
איך שטעה ביים ברעג אַ זיפצער
און אין מיין האַרצען גליהט.

מען וואַרפט דעם נעץ אין וואַסער,
מען ריכט זיך אויף אַ פאַנג.
די דאָרף־מיידלעך פון וויטען
צולאָזען אַ געזאַנג.

זייט שטיל, איהר מיידלעך, אַלע!
דאַרף אייער זינגען ניט,
זייט שטיל און לאָזט מיך הערען
דעם טייך׳ם געשמאַקען ליעד!

ער זינגט פון מיין געליעבטע,
דאָס ליעד איז מיר בעקאַנט:
„איהר האָט ניט נאָך אַ מיידעל
ווי זי אין גאַנצען לאַנד“.

בוים און מענש

דאָס יונגע בוימעל בליהט,
דער אַלטער שטעהט דערביי.
דאָס בליהען באַנגט איהם ניט,
דען ער בליהט אויך אין מאַי.

דער אַלטער זיידע שטעהט
און זעהט דעם איינ׳קעלם שיין.
דער אַלטער מאַן פערגעהט,
דאָס יונגע קינד זאָל זיין.

דאָך קושט ער עס און ליעבט,
יאָ, ליעבט דאָס אָהן אַ טראַכט,
ער בלייבט צום קינד געקניפּט
ביז ס׳קומט די לאַנגע נאַכט....

פערשלאָפּען

בין נאָך דיר נאָכגעלאָפען
מיט תפילות און געוויין;
האָסט זיך געמאַכט פערשלאָפען
און ניט געוואוסט מיין מיין.

געמאַכט מיין הארץ דיר אָפען,
יא, דיר נור, דיר אַליין;
האָסט זיך געמאַכט פערשלאָפען
און ניט געוואוסט מיין מיין.

געפרעגט צי מעג איך האָפען,
צי בלייב איך דאָ אַ שטיין.....
האָסט זיך געמאַכט פערשלאָפען
און ניט געוואוסט מיין מיין.

אצינד בין איך פערשלאָפען,
אָט דאָס איז, ליעב, דיין לוין,
האָסט נעבעך ניט געטראָפען,
איך האָב אַן אנד'רע שוין.

איך בין דיין

איך האָב אַמאָל מיין הארץ געזוכט
אין האָב עס ניט געפונען,
עס קיינעם ניט פערגונען,
און האָב פאַר כעס די וועלט געפלוכט.

מיין הארץ גיט מיר! מיין הארץ איז מיין!
איהר האָט אויף דעם קיין רעכט ניט,
און איך האָב דורך די נעכט ניט
געשלאָפען פאַר גרויס שמערץ און פיין.

איך האָב געזוכט מיין הארץ אין בוך
אין לעזען, לעזען, לעזען,
עס איז דאָרט ניט געוועזען,
איך האָב גערעדט צו זיך: „זוך! זוך!"

און ענדליך האָב איך דיך דערזעהן,
ס'זיינען שמערץ און כעס צורונען.
איך האָב מיין הארץ געפונען,
עס איז ביי דיר, מיין ליעב, געוועזן.

נון, האַלט! איך נעהם דאָס ניט צוריק!
דען ביי דיר נור מעג דאָס זיין,
מיין הארץ, מיין „איך" נור איז דיין,
אין דיר וואָהנט מיין לעבען, מיין גליק.

איך בין נור אַ מענש

װען איך װאָלט אַ פֿליעג געװען,
װאָלט איך צו דיר געזשומט:
„דו זאָלסט מיט ליעבע זעהן
װען דײן געליעבטער קומט!"

װען איך װאָלט אַ בלום געװען,
װאָלט איך דורך דופט געלאַכט:
„מוזט פֿאַרטיג זײן צו זעהן
דעם ליעבסטען טאָג און נאַכט!"

װען איך װאָלט אַ זונן געװען,
װאָלט איך גערעדט דורך גאָלד:
„יא, ליעב איהם מיט אַ ברען!
דו זאָלסט איהם האָבען האָלד!"

װאָלט איך אַ שטראָם געװען,
װאָלט איך צו דיר גערױשט:
„זײן װילען זאָל געשעהן,
און קײנמאָל זײן פֿערטױשט!"

נור אַך! איך בין אַ מענש,
אונ קוק מיט וועה אויף דיר
און ליעב דיך, לויב און בענש
אויך פאַר דיין קלענסטער גנאָד,
כאָטש אין דעם גרינעם סאָד
פון ליעבע לאָזט דו ניט
אַריין מיר, וואו עס בליהט....
כאָטש דאָרט איז ניט פאַר מיר.

פאַנטאַזיע

וואָס ריידען די בלומען אין גאָרטען?
זאָג, הײס געליעבטע, זאָג!
וואָס זינגען די פויגעלעך דאָרטען?
זאָג, הײס געליעבטע, זאָג!

וואָס פלאַפלען אין טײַכעל אין קלאָהרען
די וועללען? זאָג, ליעבסטע, זאָג!
וואָס רױשט דאָס בײַ מיר אין זכרון?
זאָג, הײס געליעבטע, זאָג!

אַך! אַלטע, פערגאַנגענע זאַכען,
אָ, יוגענד זיס און שעהן!
איך הער פון דער ווייטען איהר לאַכען,
און איך זיץ קראַנק און וויין.

ווער, אויב ניט דו?

דאָ איז קיין נאַכטיגאַל ניטאָ,
קיין פויגעל זים און ליעב,
נור מאַשינען שווער און גראָה,
זיי קוקען קאַלט און טריב

אויף הימעל און ערד, און וועלט.
זיי זיינען אייזען, שטאָהל,
דער נגון פון לעבען פעהלט,
ניטאָ קיין נשמה־קול.

עס הוזשעט, עס פייפט און עס שרייט,
עס קלאַפּט און רוישט און יאָגט,
מען הערט נור ריידען די צייט....
דער אימפּעט טרייבט און שלאָגט.

און וואָלסט דו דאָ אויך ניט זיין,
ווי וואָלט איך הויך געשטרעבט?
ווער וואָלט מיר געשיקט די שיין
וואָס שטאַרקט מיך און בעלעבט.

דער ג׳רויש, וואָס גיעב איך אום איהם?
וואָס אַארט מיך קאָך און פייף?
איך הער דיין געבענשטע שטים
און מיין געזאַנג ווערט רייף.

ליעבע

דורך דופט און בלומען געהט די ליעבע,
אויף בארג און טהאל;
איהר כרובים־קול
קלינגט דורך די גרינע בלעטער,
וואס סוד'ען זיך אין וועטער.
נור איהרע אויגען זיינען טריבע,
זי וויינט, און איהרע טרעהרען
זאמלען זיך און מעהרען,
און מאכען אין דער ערד א קוואל,
בעלויכטען פון דעם זונענשטראהל.

א, איהר, וואס טרינקט פון ליעבעס־ברונען,
און ווייסט דעם טעם,
די לוסט, די סם
פון איהרע ריינע טרעהרען,
א, מענשען און שטערען!
יא, איהר, וואס האט דעם קוואל געפונען,
איהר ווייסט די גוואלטען,
וואס דארט ליעגען בעהאלטען.
נור איהר, וועלכע ליעבט און לייד'ט,
איהר ווייסט וואס ליעבעס וועה בעדייט.

אין ליכטיגער פונקט

איך קוק ווייט אין דער וועלט אַוועק.
א שווינדעל בעפאַלט מיין קאָפּ:
וואו נור מיין בליק שטעלט זיך אָב,
איז יאָמער און עלענד און שרעק.

עס גיט נור איין איינציגער פונקט,
איין אָרט נור, וואָס שמייכעלט ווי מאַי,
וואָס איז צו בעטראַכטען כדאַי,
וואָס איז נור אין ליכט איינגעטונקט.

דאָס איז יענער אָרט, וואו עס וואוינט
מיין איינציגע; דאָרט, וואו זי לאַכט,
דאָרט פאַלט ניט צו קיינמאָל די נאַכט.
דאָרט איז וועלט, ווי לעבען, געקרוינט.

מיט ליעבע

דער גריל קלאַפּט אין פעלזען־שטיין,
עס הוזשעט דער זשוק אין דער לופט,
דאָך איך געה אום איינער אליין
און זינג פון געווירציגען דופט.

עס האָבען קיין זשוק און קיין גריל נים
קיין נגון פאַר בוים און פאַר בלום;
זיי האָבען קיין גייסט, קיין געפיהל נים,
און טומלען משוגע ארום.

איך וואָלט ווי דער גריל דאָ געווען,
אָט ווי דער משוגענער זשוק,
ווען איך וואָלט דאָ דיך נים דערזעהן
און זיך נים געקוויקט מיט דיין קוק.

יא, דו האָסט מיך גייסטיג געמאַכט:
מיין האַרץ ווי די זונן־בלומע בליהט,
איך פיהל פון די פעלדער די פּראַכט,
און זינג זיי מיט ליעבע אַ ליעד.

דער אמת'ער צוועק

דער מענש געהט אין לעבען אַ בלינדער.
ער מיינט, אַז זיין קומען
מוז זיין פערנומען
מיט גוואַלטיגע זאַכען,
און ער מוז דאָ מאַכען
גאָר פּתם און רעמסס;
און ווייס ניט דעם תמצית,
אַז זיין לעבען דאָ
און זיין שטערבען דאָ
איז נעהמען אַ ווייב און האָבען קינדער.

שטענדיג ביי דיר

איך ווער פערלאָרען אין מיטען דערינגען,
איך זוך און קען זיך ניט געפינען:
אָט בין איך ביי איהר אין אַ שיכעל,
אָט בין איך ביי איהר אין אַ טיכעל,
אָט בין איך ביי איהר אין די צעפּ גאָר,
אָט בין איך ביי איהר אין דער שלעפּ גאָר,
אָט גאָר אין איהר פאַרטוך בעהאַלטען,
אָט גאָר אין איהר האַרצען דעם קאַלטען,
אָט פעהל איך, און בין גאָר סך הכל
בעהאַלטען ביי איהר אין דעם יאַקעל,
אָט גאָר אין אַן אויג, אַ חן־גריבעל,
מיט איהר אויפ'ן גאַס און אין שטיבעל,
אָט בין איך ביי איהר אין אַ שמייכעל.
מיט איין וואָרט, נור זי איז מיין היכל,
אַ, צייט איך קען איהר בין איך איך ניט,
קיינמאָל אין דער היים און ביי זיך ניט...

דיין געטליכקייט

ביזט בלוט און פלייש, ווי אלע מענשען,
    ביין און הויט און האָר.
דאָך מוז איך דיך אַלס געטין בענשען,
    ווען איך זעה דיך נאָר.

אין ערד'ס מלבושים אָנגעצויגען
    האַלטסט דו דיין פיגור,
דאָך דו ערשיינסט אין מיינע אויגען
    העכער אַלס נאַטור.

אַוואו, זאָג, ליעגט אין דיר די שכינה,
    הימעל'ס ריינסטעס גליק?
זאָג, ליעגט דאָס אין דיין זיסע מינע?
    ליעגט דאָס אין דיין בליק?

זיי רייד׳ען פון דיר

וואָס רעדט די העלע זונן צו מיר,
ווען זי שיינט מיט פּראַכט?
זי רעדט פון דיר, מיין ליעב, פון דיר,
פון דיין אויג, וואָס לאַכט.

וואָס רעדט דער ווינד, וואָס פאַלט אַריין
מיט אַ גוואַלט אין גאַס?
ער רעדט פון דיר, פון דיר, מיין שיין,
פון דיין ווילדען כעס.

וואָס רעדט דער וואָלקען פויל און טריב,
ווען זיין האַרץ צופליסט?
ער רעדט פון דיר, פון דיר, מיין ליעב,
ווי בעטריבט דו ביזט.

וואָס רעדט דער פויגעל, ווען עס שאַלט
שפּעט אין הערבסט זיין ליעד?
מיין ליעב, ער זאָגט, אַז אַלץ ווערט קאַלט
און די פרייד פערפליהט.

ווי די זון

ווי די זונן לייכט נאָך אַ רעגען
דאָפּעלט העל און שעהן,
לייכט מיין גייסט פון דיינעטוועגען
נאָך מיין גרוים געוויין.

פריהער פליסען מיינע טרעהרען,
אַז דו האָסט מיך פיינד,
דאַן נעהמט דאָפּעלט העלער ווערען,
האָפּענונג ערשיינט.

איך האָב דיך האָלד

אַנד'רע זינגען העלע שטערען,
אַנד'רע זינגען גאָלד,
דו קענסט פון מיין ליעד נור הערען,
אַז איך האָב דיך האָלד.

דיינע אויגען זייגען שטערען,
און דיין הארץ איז גאָלד, —
דו קענסט פון מיין ליעד נור הערען,
אַז איך האָב דיך האָלד.

דו ביזט ליכטיג, דו ביזט טהייער
און דיין ווערטה בעצאָהלט
ווערט נור מיט נשמה־פייער:
ליעב, איך האָב דיך האָלד!

היפנאָטיזירט

דו האָסט מיך היפנאָטיזירט,
איך בין דיין אונטערטהאַן,
אַבי כ'האָב ביז איצט שטאָלצירט,
אַז איך בין אַ פרייער מאַן.

כ'בין דיינער, דיין שקלאַף, דיין קנעכט,
און וואָס דו ווילסט מוז איך טהאָן,
דו האָסט איבער מיר דאָס רעכט,
איך קניה פאַר דיין שטאָלצען טהראָן.

איין בליק פון דיין אויג האָט קראַפט
צו נעהמען מיך גלייך אין פלען,
צו נעהמען מיך האַסטיג אין האַפט,
צו פאַנגען מיין הארץ מיט ברען.

אַ לאָק פון דיר איז אַ צוואַנג
וואָס שלעפּט צו דיר מיט פרייד.
יאַ, דו ביזט מיין זינגענס געזאַנג,
מיין טרעהר, מיין זיפץ און מיין לייד.

בּיזט שטאָלץ

דו נעהמסט זיך איבער מיט דיין לייב —
גערעכט, דו ביזט טאַקע שעהן,
דאָך, דו אונגליקליך, נאַרעש ווייב,
ווי לאַנג לעבט ערדישער חן?

דיין שעהנער לייב וועט ווערען אלט,
וועט ווערען פערוועלקט און געל;
פון אַלץ, וואָס איצטער לאַכט און שטראַהלט,
וועט ענדליך ווערען אַ תל.

ניט אייביג לעבט די שעהנע צייט,
די יוגענד לאַנג ניט גלאַנצט.
אך! די פערניכטונג איז ניט ווייט,
און דו ביזט אָבגעטאַנצט...

ניט שרעק זיך

וואָס געהסט דו אָרום אַ צושטרייטע?
דו שעהנסטע פון די ווייבער!
מען זאָגט, איך בין אַ קלייבער
און זוך מיר צו דיר נאָך אַ צווייטע?

וואו קען איך, א פרוי, זאָג מיר, נעהמען,
וואו קען איך זי עררייכען,
וואָס זאָל דיך אין שעהנקייט פערשעמען,
וואָס זאָל צו דיר זיך גלייכען?

און זאָל זי אין לייב דיך בעזיעגען,
דאַן פעהלט איהר די נשמה,
דען דו ביזט אויך גייסט'ס פערגעניגען
און ניט נור גוף'ס נחמה.

דאָס וועט מיר קיינמאָל ניט געלינגען,
דו, זיסע תפילות־קוועלע!
צו קריעגען נאָך איינע, וואָס ברינגען
זאָל פרייד פאַר לייב און זעעלע.

די אַנדערע זיינען נור ווייבער,
דאָך דו ביזט ווייב און מוזע,
איך קוש דיך ווי אַ מזוזה —
ניט שרעק זיך, וואָס איך בין אַ קלייבער!

אויפ׳ן טייך

ליעבסטע, זאָג! ווער איז אונז גלייך,
ווען מירביידע פאָהרען
אויף דעם טייך דעם קלאָהרען,
אויף דעם קלאָהרען טייך?

אָ, עס איז אַ ליעבע לוסט,
ווען אין וייכען שלום
ס׳טראָגט אונז ווי אַ חלום
שטיל דעם וואַסער׳ס ברוסט!

פון די וועללען קלינגט אַרוים
ווי א זאַנפטער נגון,
ליעב דיך צו פערוויעגען
טרוימענד אויף מיין שוים.

דער לבנה׳ס מילד געשטאַלט
ברעכט אַדורך דאָס בלאָהע,
פול מיט זים הנאה,
איבער אונזער וואַלד.

און זי שווימט אַלץ נעה׳נטער צו
איבער אונז צו שיינען.
גליקליך ווי מיר זיינען!
גליקליך איך און דו!

פאַטאַ מאָרגאַנאַ

אין זאַהאַראַ ווען מען וואַנדערט,
אין דעם הייסען מדבר־זאַנד
ווערט מען פּלוצלונג שטאַרק פערוואונדערט,
זעהענדיג בעוואוינטעס לאַנד.

פּראַכט־געביידען, זילבער־טייכען,
גערטנער פול מיט גלאַנץ און פּראַכט,
צווייגען רייך מיט גאָלד'נע פּירות
און יעדוויעדע פּרי לאַכט.

לעמער שפּרינגען אויף די וויזען,
און דעם פאַסטוך זעהט מען קלאָר,
און מען ווערט ענטציקט פון תענוג,
און מען מיינט, אַז אַלץ איז וואָהר.

אָבער אַך! דאָס איז אַ ליעגען,
אַ נאַטור־בלענד און ניט מעהר;
ס'איז אַ וויסטענים, אַ ווילד'נים,
און ווי קומט אַ וועלט אַהער?

פּונקט אַזוי אין לעבענס־מדבר
טרעף איך פּלוצלונג אָן דיין בליק,
און ער ווייזט מיר גאָלד'נע שלעסער,
און איך ווער ענטציקט פון גליק.

אָבער אַך! דאָס איז ניט אמת,
און עס גיט אין האַרץ אַ ריס —
ס'איז אַ בלענד־בילד, און איך בלאָנזשע
איינזאַם אין דער ווילדערניס.

אומזיסט

דער טאָג, דער ווייסער אונרוה, האָט זיך שטיל פערנייגט,
דער טרוימערישער אָבענד קומט מיט זאַנפטע טריט.
מיט אַ קלאַפּעדיגען הארצען וואַרט איך, ליעבסטע.
די שפּעטקייט ווינקט פון ווייטען, דאָך איך זעה דיך ניט.

דאָס טייכעל לייענט קריאת שמע ; ס'פּיפּצען „גוטע נאַכט“
די פויגעלאך ; דער הימעל מיט דער ערד זיך פּאָרט...
נור איך אַליין שטעה אין פערשטומטער איינזאַמקייט,
פער׳יתום׳ט וואַרטענדיג אויף דעם בעשטימטען אָרט.

האָט דיר דער פאָטער, האָט די מוטער דיר געשטערט ?
האָט הויז־פּפליכט צוגעהאַלטען דיינע שעהנע טריט ?
צי האָט דיין עלט׳רע שוועסטער דיר פערשטערט דאָס גליק,
זי וויים ווי טיעף איך ליעב דיך, זי פערגינט דיר ניט ?

אויף דער לאָנקע

דאָס שעהנע פאַסטוך־מיידעל טרייבט
צום ערשטען מאָל אַרוים די שאָף
בעגינען, נאָך אַ זיסען שלאָף;
און פון די שטילע נאַכט פערבלייבט
איהר שוועבען אויף די זייד'נע האָאָר,
אַ שאָטען פון אַ חלום אויפ'ן וואָהר.

עס טרילערט דער נאַטור'ס פּאָעט
פאַר וואַלד און פעלד, און אונשולד איידעל,
אויף נייעם, גווירציגען טאָפּעט;
מיט אַ נשמה־פרומקייט, אַ געבעט,
אַ לעבעדיגע תפילה טרעט
דורך טוי און מאָרגענליכט דאָס מיידעל.

עס שמעקט אַ בלום אין איהרע הענד,
און ריינע ליעבע אין איהר בוזים,
און ביידען גלעט מיט לופטיגע כרוזים
דער זינגער פון דעם זיסטען בלענד,
וואָס פליעגעלט טרילערנדיג פאַרביי
מיט גאָלד'נע ברכות פאַר דעם מאַי.

צו אַ מיידעל

איך ווייס ניט, מיידעל, וואָס דו ביזט,
איך קען דיך ניט פערשטעהן,
דו האָסט צוויי יונגע, פרומע בריסט,
דו האָסט אַ לייב אַלבאַסטער קלאָר,
דו האָסט אַ קאָפּ מיט זייד'נע האָאר,
דו האָסט צוויי שורות פּערל־צייהן
און רויזען־באַקען וואונדער שעהן,
האָסט אויגען פול מיט פרייד און ליכט,
דו האָסט אַ הימעלשעס געזיכט,
צוויי ליפּען פּורפּור־פעדים רויט,
מיט יוגענדס פרישען טוי בעטוי'ט;
האָסט צאַרטע הענד און קליינע פיס,
אַ זאַנפטע שטימע צוקער־זיס,
אַ פלעשעל־העלזעל איז דיין סטאָן,
אַ תענוג נור אַ קוק צו טהאָן.
ביזט שאַפונגס שעהנסטע, ליעבסטע פרייד,
פאַר ליעב און לעבען אָנגעגרייט.
דיין מינע בליהט,
דיין בוזים גליהט,
נור לאַנגען נחת גיט עס ניט....

צו אַ פויגעל

וואָס זינגסט דו ביי מיין פענסטער?
זאָג, פויגעל ליעב און קליין!
דערצעהלסט מיר, אַז דערוויסען
ווערט וויעדער העל און שעהן?

דו רעדסט פון בלויע הימלען,
פון יונגען פריהלינגס גרין,
פון גראָזען און פון בלומען
און רופסט אין פעלד אַהין.

דו ברייגנסט מיר גוטע בשורות
פון פריש־ערוואַכטען גליק.
אָ, גיעב מיין גרינע יוגענד
מיין ליעבע מיר צוריק!

וואָס פרייט מיך ערד און הימעל?
און וואָס דיין זיסעם ליעד?
מיין האַרץ קען מעהר ניט בליהען
און איך בין קראַנק און מיד.

מיר שווייגען

דער טהאָל־שטראָם טראָגט אונזער לאָדקע גרינג.
פון וועלדעל גריסען אונז די צווייגען.
מיר ווייסעןביידע פון אַלל־דאָס־דינג,
און קוקען זיך אָן נור און שווייגען.

איין וואָרט אַפילו וואָלט זיין צופיעל,
אום אונזער ענטציקונג צו צייגען.
די לבנה לייכט, די לופט איז קיהל,
מיר זיצען זיך ביידע און שווייגען.

די וועסלעס רודערען אין דער פלוט,
ווי סודות פון דעם וואַסער שטייגען,
מיר ווייסען איינס נור: עס איז אונז גוט,
מיר זיינען בעגייסטערט און שווייגען.

אונז האָט אַמאָל שוין זינקען געוואָלט
דער ווינד, אָבער ווער וואָלט דאָס דאגה׳ן?
מיר וואָלטען זיך האָבען הערצליך האָלד
אַפילו אין נאַכט און אין שווייגען.

זכרונות

אונטער יענע גרינע בוימלעך
קום, מיין קרוין, מיט מיר!
דאָרטען עפענט זיך מיין זעעלע
גאַנץ און גאָר פאַר דיר.
דאָרטען לייענסט דו די סודות
פון מיין גרויסען שמערץ.
דו דערזעהסט דאָרט יענעם פייער,
וואָס פערברענט מיין הערץ.
דאָרט געשטעה איך דיר דעם אמת
און איך וויין צוגלייך.
אַך! איהר זיסע יוגענד־יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך!

זעהסט דו ווי די טענצער שוועבען?
הייליגע מוזיק!....
דאָ ווערט אונזער זעעלע ברייטער,
דאָ נור וואוינט דאָס גליק.
צויבער־טענער!... ווי זיי קלינגען!...
גיכער אין דער מיט!
איינס, צוויי, דריי... נו, שנעל, געליעבטע,
הויב די ענגעל־טריט!

איצטער פיהל איך, אַז דאָס לעבען
איז קיין „דומער שטרייך".
אַך! איהר זיסע יוגענד־יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך!

שפּיעל אַ ווײלע לייגגער, כלי־זמר!
זאָג, וואָס איז די אייל?
כ'האַלט נאָך איצט אין מיטען טאַנצען....
שפּיעל נאָך... שפּיעל אַ ווייל!....
זעהסט דו ווי די ליעבסטע מיינע
שיינט אין בלומענקראַנץ?
זעהסט ווי וואונדערשעהן מיר שוועבען
אין דעם צויבער־טאַנץ?
שנעל, געליעבטע! עס פערשטומען
אַלע סטרונעס גלייך....
אַך! איהר זיסע יוגענד־יאָהרען
זאָגט! וואָס איז מיט אייך?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

חן'עוודיגע יוגענד מיינע,
חלום'דיגער שטראָם!
אַך! ווי האָסט דו אויסגעטריקענט?
כ'זעה פאַר זיך דעם תהום...

וואו איז די געליעבטע מיינע?
וואו דער בלומענקראַנץ?
וואו איז יענער זיסער כלי־זמר?
וואו דער צויבער־טאַנץ?
יענע זיסע בילדער אלע,
זעה איך זיי אַמאָל?
זאָגט, אויף וועלכען באַרג זיי בלאָנזשען?
זאָגט, אין וועלכען טהאָל?
איז ניט מעגליך כאָטש פֿון ווייטען
דאָרט צו טהאָן אַ בליק?
נור אַ בליק אויף יענע צייטען,
יענעם שעהנעם גליק?
נאַרעש, נאַרעש, זעהר נאַרעש!
וואָס די צייט פערטראָגט,
קען דער מענש ניט מעהר דערגרייכען
איב'ריג וואָס ער יאָגט....

עס שמייכעלט

עס שמייכעלט פון דיין קאָפּ
דער שעהנסטער טרוים אַראָב;
עס בליצען אין דיין בליק
די יוגענד און דאָס גליק;
עס כשוף'ט פון דיין ברוסט
די העכסטע ליעבעס לוסט;
עס צויבערט פון דיין שוים
אַ זיסער גוואַלד אַרוים.
דיין גאַנצער גוף איז פּראַכט,
אַ העלע זילבער־נאַכט;
און מעהר איך קוק אויף דיר
אַלץ וועה'ר ווערט דאָס מיר.

אַבגענאַרט

ווען קומט זי? פרעג איך ביי די בלומען,
זיי גיבען ריחות מיט פאַרפומען;
ווען קומט זי? פרעג איך ביי די שטערען,
זיי לייכטען און זיי פינקלען גערען;
ווען קומט זי? פרעג איך ביי די וועללען,
זיי רוישען, איילען און זיי קוועלען,
זיי לויפען, הערענדיג מיין פרעגען,
מיט האַסט אַט פונקט ווי איהר אַנטגעגען;
ווען קומט זי? פרעג איך ביי די ווינדען,
זיי יאָגען, יאָגען און פערשווינדען;
ווען קומט זי? פרעג איך ערד און הימעל
און בלייב פערטיעפט ווי אין אַ דרימעל;
ווען קומט זי? זאָגט, ווען קומט די ליעבע?
האַלט איהר חלילה אָב אַ סיבה?
אַ שטים זאָגט: „אַ, דו דומער וואַרטער!
זי קומט ניט, בלייבסט אַן אָבגענאַרטער“.
אַזוי, אַ, געהט מיין צייט אַריבער
מיט לעערע טרוימען פון דער ליעבער!

דו האָסט אַ צווייטען

דו האָסט אַ צווייטען אויסגעקליעבען,
דאָך ער וועט בעסער דיך ניט ליעבען,
ניט קושען ווילדער, שטאַרקער, הייסער,
און מעג ער זיין צומאָל אַ קיסר,
ער וועט קיין ליעבע דיר ניט געבען
מיט מעהרער פייער, מעהרער לעבען,
מיט מעהרער גייסט און האַרץ און פלאַמען.
אין מיר נור האָסט דו אַלץ צוזאַמען:
בין קערפּערליך און גייסטיג ריכטיג,
בין קערפּערליך און גייסטיג וויכטיג,
איך בין אי בירגער, בין אי קעניג,
קען הערשען און זיין אונטערטהעניג....
איך ליעב דיך ווי קיינער אויף דר'ערד דאָ,
כ'ליעב הימעלש דיך, לויט נאָך דיין ווערטה דאָ,
איך קען גאָר אַזוי פיעל ניט זאָגען,
מיין ליעבע איז ווערטה צו פאַרמאָגען.
מיין ליעבע וועט קיינמאָל ניט קיהלען,
נור איך קען אַ ליעבע דיר שפּיעלען,
נור איך קען דיין וואונש דיר ערפיללען.
און וועט מיך דער קבר פער'תהום'ען,
דאַן לאָז איך דיר איבער אַ נאָמען....

דו האַלטסט זיך גרויס

מיט אַ בעפויגעלטען הוט אויף דיין קאָפּ,
מיט טכוירענפּעלין רייך אויף דיין ברוסט,
קוקסט דו גאָר אויף מיר פון אויבען אַראָב
און לאָזט זיך ניט ווערען געקוסט.

דו נאַר! דיינע פויגלאך, זיי זיינען טויט,
און דער טכויר, וואָס דיין ברוסט בעדעקט,
איהם האָט דאָך אַ יעגער געשאָסען פאר ברויט,
דערצו האָט ער קיינמאָל געשמעקט....

דאָך מיינע פויגעל זיינען נאָך אין פלוג,
מיין פוטער — ער וואַרעמט ווי פוך.
דער פוקס פון מיין פעלין, ער איז געווען קלוג,
און ניט געהאַט קיין שלעכטען גרוך....

אָבענד־צייט

נעהם מיך נאָך איין מאָל ארום
אוּן דאָס וועט זיין אַ סוף.
ליעב מיך נאָך איין מאָל, מיין בלום,
דאַן לייג זיך שטיל אוּן שלאָף!
מיר האָבען זיך גענוג געליעבט,
געוועזען לאַנג גענוג פערקניפּט,
געוועזען אַי גליקליך, אַי בעטריבט,
אצינד איז אויסגעשפּיעלט דאָס שפּיעל,
מיר ווערען אַלט אוּן קאַלט אוּן שטיל,
אוּן שוין ניט ווייט פון שטוּב
איז גרייט פאַר אונז די גרוּב.

איך ווער גראָה אוּן דו ווערסט גראָה,
מיר וועלען באַלד ניט זיין מעהר דאָ,
אוּן אַלץ, וואָס האָט מיט אונז געלאַכט,
מיט אונז געלעבט,
מיט אונז געשטרעבט.
פאַר אונז געוועבט
אַי פרייד, אַי גליק,
צוריק, צוריק
פערשוואונדט אין נאַכט.

אָט ווי מיר זיינען דאָ פון ערגעץ ניט אריין
’זוי וועלען מיר אין ערגעץ באַלד ניט זיין,
אין ערגעץ, וואָס איז איבעראַל.
אַדיע, דו לעצטער שטראַהל!
דו מיין הימעלס לעצטע ליכט —
איך האָב זיך אויף דיר געריכט....

מיר ווערן אַלט

דיין קלאָרער שטערן קנייטשט זיך, געליעבטע,
ווי אויף דעם טייך די זילבער־דעק,
עס נעהמט מיך אָן אַ טיעפער שרעק,
און געדאַנקען ערנסטע, בעטריבטע
בעשפּינען מיר דעם בוזים קאַלט,
אָ, וועה! מיר ווערן ביידע אַלט!

ווער קנייטשט דעם טייך? ווער קנייטשט דיין שטערן?
די ניט־פערגינערקע, די צייט,
זי שילט דאָס, בייזערט זיך און שרייט:
„זייט גרייט צו דעם ענדליכען ניט ווערן!“
דער טייך וועט זיין נאָך גלאַט און שעהן,
נור מיר, מיר וועלען אונטערגעהן....

אויף דער עלטער

מיין יוגענד איז געווען בעטריבט,
איך האָב געליטען און געליעבט,
דאָך פון דער ליעבע ניט געזונגען.
געוועזען איז מיין וואונדיג הארץ
מיט לייד, מיט נויט, מיט וועה, מיט שמאַרץ,
מיט טיעפען יאָמער דורכגעדרונגען.

איך האָב געליעבט אויף גיך, אויף גיך,
געפיהלט דעם עלענד טיעף אין זיך.
עס האָט דער ליעבעס שטאַרקסטע פלאַמען
מיט צרות ביטערע, מיט פיין
געקענט אין חבר׳שאפט ניט זיין,
ניט וואוינען אין מיין ברוסט צוזאַמען.

און ווען די ליעבע האָט געוואָלט
איהר חוב מיט ליעדער אָבגעצאָהלט,
דאַן האָט דער עלענד איהר בעצוואונגען,
ער האָט מיר דורכגעברענט די ברוסט,
פעריאָגט די הויכע ליעבעס־לוסט,
און איך האָב נור פון איהר געזונגען.

איצט זיצט די ליעבע אויפ'ן טהראָן
אין מיין נשמה'ס אויבען־אָן,
מיין הארצענס־ליעד איז אָבער קעלטער.
די ליעבע ברענט, די ליעבע גליהט,
זי גיט מיר אַלץ קיין רוה נאָך ניט,
דאָך זינגט זיך שווערלאך אויף דער עלטער.

אַלטע שולדען

כ'האָב זיך מיט וועה און יאָמער נור געזעטיגט.
די נויט האָט מיך געטראָטען ווי אין קעלטער,
איך האָב זיך מיט מיין ליעבעס־ליעד פערשפעטיגט,
און מוז דאָס איצטער זינגען אויף דער עלטער.

איך זינג פון ליעבע שוין כמעט ביים שיידען...
איך צאָהל דעם גאָט אמאָר פערשלעפּטע שולדען
ערשט איצט געפין איך אין דער ליעבע פריידען,
ווען אַנד'רע קענען איהר שוין מעהר ניט דולדען.

איך דאַנק, נאַטור, דיר פאַר די גרויסע גנאַדען,
וואָס דו האָסט איצטער ענדליך מיר געגעבען,
דו האָסט מיין גייסט אין פייער אָבגעבאָדען,
די עלט'רע טעג געשאָנקען נייעס לעבען.

צו שפּעט

זי לעזט מיין ליעד און לעזט עס ווידער,
גלויבט די אייג׳נע אויגען ניט:
„אויף דער עלטער ליעבע־ליעדער,
ווען דער לעבענס־מײַ פערבליהט?

אויף דער עלטער זינגען ליעבע,
ווען עס גענעצט שוין דער תהום,
ווען די שטונדען קריכען טריבע
און דאָס לעבען לעבט נאָך קוים?“

אָך! איך הער איהר אוים געדולדיג,
און עס ענטפערט טיעף אין מיר:
ליעבסטע, דאָס ביזט דו דאָך שולדיג,
דען מיין ליעד, ער קומט דורך דיר.

איך האָב קיינמאָל ניט געטראָפען
אויף דער ערד אַ פרוי ווי דו,
וואָס זאָל שטערען מיר דאָס שלאָפען,
וואָס זאָל רויבען מיר די רוה.

שוועבסט אַרום ביי מיר אין זינען,
גערסט אַרום ביי מיר אין בלוט,
קען קיין מנוחה ניט געפינען...
אַך! ווי שלעכט מיר איז און גוט!

האָסט פעריונגט די אַלטע יאָהרען
אויפגעוועקט די שטומע ברוסט.
און איך פיהל ווי ניי געבאָרען,
און עס וואַקסט מיין ליעבעס לוסט.

אָה, ווען איך וואָלט דאַן געקענט דיך,
ווען געגליהט האָט נאָך די צונג,
ווען מיין בוזים האָט געברענט זיך,
ווען איך בין געוועזען יונג!

דאָך, מיין יוגענד איז פערזונקען,
איינזאם, עלענד און בעטריעבט,
האָב אין וועהטאָג זיך געטרונקען,
פיעל געהאַסט און קנאַפּ געליעבט.

כ'האָב דיך ליעב, דאָך נאָך דער צייט שוין,
דאָס ביזט דו אין מיר וואָס זינגט,
נור איך הער ווי עמיץ שרייט שוין:
הער דעם אָבענד־גלאָק, ער קלינגט!...

ניטאָ

דו שוואַרץ־אויגיגע, הויך־ברוסטיגע פרוי,
איך ווייס ניט וואו דו ביזט.
דער הימעל איז נאָך הויך און בלוי,
די בלומען לייכטען נאָך מיט טהוי,
די פויגלעך זינגען זייער ליעד,
נור איך בין אַלט און קראַנק און מיעד
מיין טריבער בליק נור פליסט.
איך קוק זיך אום, איך זעה דיך ניט,
און דורך מיין האַרץ דער אומעט ציהט.

לאָמיר כאַפּען

אָ נאָך אַ קוש, אָ נאָך אַ דריק,
אָ נאָך אַביסעל זיסען גליק,
בעפאָר דער טאָג פערטאָגט.
דאָס לעבען דויערט אַ מינוט,
נון, לאָמיר כאַפּען, זאָל זיין גוט,
בעפאָר דער זייגער שלאָגט...

פערלאָזען

1

כל זמן איך וועל לעבען
וועל איך זי געדענקען,
וועט מיין זעעלע שוועבען
רק צו איהר און בענקען.

אַך! זי איז פערגאַנגען
און האָט מיך פערגעסען;
טיעפע, שווערע באַנגען
נאָגען מיך און פרעסען.

כ׳לייען נור און לייען
אַלטע בריעף און כרוזים,
און אַ טויזענד וועהען
מאַטערען מיין בוזים.

2

ליעבסטע! רוף איך ביטער דורך די אָפ׳נע פעלדער,
ליעבסטע! שריי איך הויך דורך אַלע גרינע וועלדער,
ליעבסטע! יאָמער איך אויף בערגער און אויף טהאָלען,
נור אַן עכאָ ענטפּערט און ער ווערט פערשאָלען,
און פערביינקט, און טרויריג ווער איך מיר אַנשוויגען,
און די ווערבעס רוישען, שאָקלען זיך און וויעגען.

3

ווייסע גענז אויף דער באָקשאַ שווימען —
דאָס זיינען די וועלען וואָס יאָגען.
פון ווייטען הער איך ליעבע שטימען,
זיי ציט'רען, יאָמער'ען און קלאָגען.

וויינט, איהר שטימען! כ'האָב איהר פערלאָרען.
רוישט, איהר וועלען! זי איז פערשוואונדען, —
פערשאָלטען זינקען מיינע יאָהרען
אין אָבגרונד'ס נאַכטיג שווארצע שלונדען.

4

אפשר ווייסט דו, ווילדער ווינד,
וואו עס ווײלט מיין שעהנעס קינד?
אפשר ווייסט דו, ים, וואָס ברויזט,
וואו מיין שעהנע ליעבסטע הויזט?
אפשר ווייסט דו, טרוים ביי נאַכט,
וואו מיין היים געליעבטע וואכט?
אפשר, ווייטער האָריזאָנט,
איז דיר ליעבסטער'ס אָרט בעקאַנט? —
אַלע שווייגט איהר צו מיין רייד,
ס'גיעבט קיין היילונג צו מיין לייד.

5

איך פֿערשרייב די נאָטען,
וואָס די פֿויגעל זינגען.
און איך הער די דראָטען
אויף די סלופּעס קלינגען.

כ'הער נאַטור און וויסען,
וואָס זיי ביידע זאָגען,
און מיין האַרץ צוריסען
מוז אין שטיקער קלאָגען.

ניט פֿון מיינעט וועגען
קלינגען זיי און זינגען,
ווילען מיר קיין זעגען
און קיין הילף ניט ברינגען.

זי איז אין דעם וויטען
לאַנד אַוועק געגאַנגען.
איך מוז איינזאַם רייטען
פֿול מיט וועה־געזאַנגען.

און איך זינג און יאָמער
און איך גיס מיט טרעהרען,
טאָמער, טאָמער, טאָמער
וועט זי מיך דערהערען.

צו דער געליעבטער

(פון פערזיש)

דאָס שיינט פון קיסר'ס גאָלד'נעם טהראָן קיין ליכט,
געליעבטע, ניין! דאָס בליאַסקעט דיין געזיכט.

דעם טאָג בעשאַפט די זון ניט, גאַנץ געוויס,
דיין פנים מאַכט איהם הערליך, קלאָהר און זיס.

דיך דיענט דאָס גאַנץ בעשאַף, דיך דיענט דער מאַי,
דיך דיענט די וועלט מיט ליעבליכקייט דערביי.

ביי דיר אין האַנד איז לעב'ן און אונטערגאַנג,
דיין וואָרט איז טוי און גיפט אויך פון דער שלאַנג.

כאָטש ווינציג איז דאָס גוטע, וואָס דו טהוסט,
דאָס בייזע אָבער נאָגט און צעהרט די ברוסט.

אָ, הרג'ע מיך און טרינק מיין רויטעם בלוט!
דער הימעל זאָגט, אַז ווי דו טהוסט איז גוט.

ענגעל שרייבען ניט דיין רשעות אויף פאַפיער,
זיי זעהען דיך און ליעבען זיך אין דיר...

הייליג

ביזט שעהן, געליעבטע, שעהן און הייליג!
געמאַכט צו בענשען און צו ליעבען, —
אַ ספר תורה יעדער חלק
פון בורא׳ם אייג׳נע האַנד געשריעבען.

דיין „בראשית“ ווי דיין „וזאת הברכה“
דיין תוכחה ווי דיין „אז ישיר“
איז גאָט׳ס כתב־יד, איז זיין מלאכה:
דו ביזט אין גאַנצען ריין און כשר.

דוד און בת שבע

דער ארץ־ישראל־הימעל לייכט און שטראַהלט,
אַ גאָלד׳נער שיין פון זיינע שטערען פאַלט,
אַ מזרח־אבענד פול מיט פּראַכט איז דאָס,
און אויף דעם רייכען דאַך פון קעניג׳ס שלאָס
דער מלך דוד הין און ווידער שטאָלציג טרעט.
דאַך פּלוצלונג בלייבט ער שטעהן... ער קוקט, ער זעהט
דורך שטילע שוויגעניש אַ טיעפען סוד.
ער זעהט: דער מאָרגענשטערען נעהמט אַ באַד;
ער זעהט אַ שעהנע פרוי זיך וואשט און צוואַגט,
און איהר געבענשטער לייב שימרירט און טאָגט.

ער גיט די דיענער זיינע דעם בעפעהל:
„געהט, ברייגט מיר יענע זעלט׳נע שעהנהייט שנעל!
זאָגט, הייסט זי ניט בת־שבע די פּארשוין,
אליעם׳ס טאָכטער און ישראל׳ס קרוין,
דאָס ווייב פון אוריה דעם חתי, דער
בעוואוסטער קריעגער פון מיין מיליטער?
איך האָב געפאָרשט און האָב געהערט פון איהר,
איהר צויבער האָט מען אָבגעלויבט פאר מיר,
איהר כשוף געהט מיר דורכ׳ן הארץ ווי וויין, —
ברייגט איהר אַהער! זי מוז מיין מלכה זיין!“

און גלייך האָט מען די שעהנע פרוי געבראַכט.
זי האָט דעם קעניג'ס תאוה שטיל געמאַכט...
זיך אָנגעקלייד'ט און באַלד אַוועק צוריק,
דאָך זי האָט נור צורייצט דעם מלך'ס גליק:
„זוכט אויף איהר מאַן און שיקט איהם גלייך אין שטרייט,
האַלט איהם אין רעכטען פלאַם די גאַנצע צייט!
ער מוז דאָרט פאַלען! זעהט עס זאָל געשעהן!
איך ליעב זיין ווייב,איך ליעב איהר מיט א ברען,
אַזוי וויל איך, ער טאָר ניט לעבען מעהר.
זיין פרוי מוז מיינע זיין און אָהן א שטער!"

דעם מלך'ס וואונש געשעהן איז די מינוט:
אוריה איז געפאַלען אין זיין בלוט,
בת־שבע ליעגט אין מלך דוד'ס בעט,
געפיעסטשעט פון זיין תאוה־פולען גלעט.
און ענדליך — שלמה קומט אַרויס דערפון,
דעם מזרח'ס קלוגער און גערעָטה'נער זוהן.
זיין חכמה קלינגט, זי הערט זיך אומעטום,
נור שלעכט איז ער, זיין וועג איז פאַלש און קרום.
ער האָט די קרוין געערבט, געערבט דעם חטא,
ער האָט צו טויזענד פרויען זינד גערעדט...

ליעבע און ים

עס רוישט דער ים, עס זינקט די שיף,
דאָס וואַסער איז צוקאָכט און טיעף,
די כוואַליעס טהורעמדיג און ווילד —
אַ שווידערדיגער שרעקענס־בילד.
נור אויף דעם סיבה־שוואַרצען דעק
דער קאַפּיטאַן בעפעהלט: „אַן עק!
די רעטונגס־שיפלעך לויז געשווינד
צום ערשטען נור פאַר פרוי און קינד,
די צאַרטע מוז מען רעטען גיך,
די מענער זאָלען זעהן פאַר זיך"...

די שיפלעך ווערען לויז געמאַכט.
עס קלאָגט און ליאַרעמט דורך דער נאַכט:
דאָס ג'זעגנען זיך ווייב און מאַן.
עס לאַכט דער אייביגער טיראַן,
דער ים; עס קאַיכט דער בייזער ווינד
און ברויזט מיט האַס און יאָגט געשווינד,
און טהיילט מיט טייוועלש ווילדען מוטה
פאַנאַנדער די צורייצטע פלוט
און שרייט אָן דעם תהום מיט גרויל
צו עפענען זיין פינסט'רע מויל...

דאָך פון אַ רעטענגס־שיפעל קוקט
אַ כלה, און איהר קערפער צוקט.
זי זעהט דעם ים'ס ווייט אָפ'נעם שלונד
און מענשען שטירצען אין דעם גרונד.
און צווישען זיי מיט קרעפטען קאַרג,
זיך ראַנגלען מיט אַ וואַסער־באַרג
איהר חתן זעהט זי — ער קומט אום.
און האַרציג שרייט זי אוים: „איך קום.
געליעבטעסטער, מיט דיר צו זיין".
און שפרינגט מיט מוטה אין ים אַריין.

עס כאַפט איהר אויף אַ וועל און שפרינגט
אַהין אַוואו איהר חתן זינקט...
זיי שליסען זיך מיט ליעבעם פלאַם
להכעים טויט, להכעים ים.
זיין אָרעם ליעב אַרום איהר קאָפ,
גלייך זינקען זיי צום תהום אַראָב.
פערשעמט בלייבט פלוט און ווינד, און גרונד
אין אָט אָ דער נשמה־שטונד!
דער הימעל זאָגט צום ים געריהרט:
„דו נאַר! דו האָסט ניט אויסגעפיהרט"...

דער גאָט און די באַיאַדערע*)

(אַ אינדישע לעגענדע)

(פריי נאָך געטהע)

מאַהאַדע**) שטייגט אַראָב פון רייכ׳ן
הימעל שוין צום זעקסטען מאָל,
קומט צו ווערען אונזער גלייכען
דאָ ביי אונז אין יאָמערטהאָל.

---

*) באַיאַדערע איז אַ מין אינדישע מאָנאַשקע, וועמען די עלטערען ווידמענען נאָך אַלס קינד צו גאָט און די פּריסטער, די בראַהאַמינען און פאַקירען. זי פיהרט זעהר אַ זינדיגען, אויס־געלאַסענעם לעבען מיט די פּריסטער און אגב מיט אַנדערע אויך. די באַיאַדערען זינגען און טאַנצען די שעהנסטע, ווילדעסטע און זינדיגסטע טענץ אין די אינדישע טעמפּלען אין די צייטען פון גאָטעם דיענסט און רעגען אויף דעם עולם מיט ווילדער ליידענ־שאַפט. עס איז אויך נויטיג צו בעמערקען, דאָס עס איז אַ דין ביי די אינדוסען, וועלכע מען פערברענט נאָכ׳ן טויט, דאָס די לעבעדיגע אַלמנה פון אַ טויטען הינדו ווערט פערברענט צוגלייך מיט איהר טויטען מאַן.

**) מאַהאַדע הייסט אין דער אינדישער מיטאָלאָגיע דער גאָט פון דער ערד.

איהם איז רעכט מיט אונז צו וואוינען,
מעג זיך וואָס עס וויל געשעהן —
זאָל ער שטראָפען אָדער לוינען,
מוז ער מענשען מענשליך זעהן.
און האָט ער אַלס מענש זיך די שטאָדט גוט בעטראַכט,
און האָט קיינס און קיינעם געלאָזט אויסער אַכט,
פערלאָזט ער זי מעריב־צייט ווייטער צו געהן.

און ווען ער איז צוגעגאַנגען
וואו די לעצטע הייזער שטעה'ן,
זעהט ער — מיט געפאַרבטע וואַנגען,
א פערלאָר'נעם קינד אַליין.
— גרים דיך, יונגפרוי! — דאַנק דער עהרע!
וואַרט, איך קום די מ'נוט אַרוים.
— און ווער ביזט דו? — באַיאַדערע,
און דאָס איז מיין ליעבעס הויז...
זי ריהרט זיך די צימבלען צום טאַנצען, צו שלאָגען,
זי וויים זיך ווי ליעבליך אין טאַנץ־ראָד צו טראָגען,
זי נייגט זיך און בייגט זיך, און גיט איהם דעם קראַנץ.

שמייכלענד, מיט אַ לייכטער זעעלע,
ציהט זי איהם אין הויז אַריין:
„שעהנער פרעמדער, לאָמפען העלע
זאָלען אין מיין שטוב באַלד זיין.

ביזט דו מיעד, איך וועל דיך לאָבען
נאָך דיין וואַגלען אין דער גאַס,
וואָס דו ווילסט נור זאָלסט דו האָבען —
מנוחה, פריידען אָדער שפּאַס."
זי לינדערט גע׳בריה׳ט דעם וואַנדערער׳ס ליידען;
דער געטליכער לאַכט זיך; ער קוקט צו מיט פריידען
אין טיעפע פערדאָרב׳נהייט אַ מענשליכע הארץ.

און ער לאָזט זיך גוט בעדיענען,
און זי דיענט איהם ווי אַ קנעכט.
גיט איהם הילף מיט הייט׳רען זינען,
יעדע מיהשאַפט איז איהר רעכט.
וואַשט די פיס איהם, לאַבט איהם, היט איהם
און זי זינגט אַ טרייסט איהם איין.
איז געהאָרכזאַם אין געמיטה איהם,
באַלד וועט אויך די ליעבע זיין...
דאָך אום זי נאָך שאַרפער צו פּרובען וועהלט אימות,
דער קענער פון הימלען און פון די תהומות,
וועהלט לוסט ער און טויט־שרעק, און גרימיגע פּיין.

און ער קושט די שעהנע וואַנגען,
און זי פיהלט דעם ליעבעס־קול,
און דאָס מיידעל שטעהט געפאַנגען
און זי וויינט צום ערשטען מאָל.

זינקט צו זיינע־פּיס אַניעדער,
נישט נאָך תּאווה ציהט דאָס איהר,
ניין! אַך, די געטאַקטע גליעדער,
גיעבען זיך נישט מעהר קיין ריהר.
אַזוי צום געלעגערס פערגניגען זיך שפּינען
דורך נאַכט און דורך דונקעל געהיימע גאַרדינען
און שיצען די בעט, וואו די רוה איז געשמאַק.

שפּעט ענטשלאָפען אונטער לוסטען,
פריה ערוואַכט, דאָך מיט אַ האַסט
ג'פינט זי נעבען איהרע ברוסטען
טויט איז דער געליעבטער גאַסט.
שרייענד וואַרפט זי זיך אַניעדער
נעבען איהם, נור אָהן געווין,
און מען טראָגט די שטאַרע גליעדער
צו דער פלאַמענגרוב אַהין.
זי הערט פון די פריסטער די טויטענגעזאַנגען,
זי שטויסט זיך און שטופּט זיך דאָס האַרץ פול מיט באַנגען
— ווער ביזטו? וואָס לויפסטו צום פייער דאָרט, זאָג?

ביי דעם ארון פאַלט זי ניעדער,
איהר געשריי רוישט ווי דער ים:
— כ'וויל מיין מאַן, איך וויל איהם ווידער
און איך זוך איהם אין דעם פלאַם.

זאָל אין אַש מיר דאָ צופאַלען
אָט די גליעדער, אָט די פּראַכט!
מיינער איז ער, אויך אין קוואַלען,
אַך, נור איין געשמאַקע נאַכט!
עס זינגען די פּריסטער: מיר טראָגען די אַלטע
נאָך יאָהרען פון ליידען, מיר טראָגען די קאַלטע,
מיר טראָגען די יונגע, וואָס צייט האָט געבראַכט.

הער דאָך דיינע פּריסטערס לעהרע:
אָט דער מענש איז ניט דיין מאַן.
ווען דו לעבסט אַלס באַיאַדערע,
איז פאַר דיר קיין פליכט פאַראַן.
נור דעם קערפּער פאָלגט דער שאַטען
אויף דעם שטילען „גוטען אָרט",
נאָך דעם מאַנ'ס טויט מוז בעשטאַטען
זיך זיין ווייב אין קבר דאָרט.
ערשאַלט, איהר טרומייטען, צום הייליגען טרויער!
אָ, נעהמט אויף, איהר געטער, צום אייביגען דויער!
אָ, נעהמט אויף דעם יונגען אין פייער צו אייך!

נור דער קאָר, מעהר אויפגעוועקטע
וואונדען שאַפט איהר, מעהרער נויט,
און מיט אָרעמס אויסגעשטרעקטע
שפּרינגט זי אין דעם הייסען טויט.

דאָך דער גאָט דער יונגער וועבט זיך
פון דעם בראַנד אַרויס געשווינד,
און אין זיינע אָרימס שוועבט זיך
דאָס געליעבטע, שעהנע קינד.
עס פרעהט זיך די גאָטהייט מיט תשובה פון זינדער,
אונשטערבליכע הויבען פערלאָרענע קינדער
מיט פיי'ריגע אָרעמס צום הימעל אַרויף.

דער ליעבעס סוד

מיין בליק פערטשעפעט זיך ביי איהר אָן פענסטער:
פיעלייכט אַ ליעבער וואונק, אַ זיסער שמייכעל!
דאָך פערל־היראָגליפען אויף די שויבען:
עס האָט דער רעגען דאָרט אַ סוד פערשריעבען....
ענטציפער זיך, דו ליעבער סוד!

וואָס טהוט מיין ווייסע האַרצענס־פירסטין איצטער?
זאָג! קאָמט זי ניט די שוואַרצע שטראַהלען
אַרום איהר זוניג ליכטיג פנים?
מיין נשמה איז איהר קאָם...
פערשפיעלעט זי ניט איצט איהר בוזים
מיט קליינע מוטערפערלנע שטערען?
דאָס זיינען מיינע טרערען...

זאָג! האַוכען ניט די רויזען איהרע
פאַרפומיג דורכ׳ן שלאָף מיין נאָמען?
דאָס איז מיין חלום...
זאָג! ליעגט זי ניט אין שטילען דונקלען קבר
אויף דעם בית־עולם פון מיין יוגענדס האָפנונג
בעוואַקסען מיט בלויע און רויטע בלימלאַך?
מיינע ליעדער!
ענטציפער זיך, דו ליעבער סוד!

צו די לידער

אָ, ווײנט מײנע לידער:
איך זעה זי ניט מעהר —
אומזיסט איז מײן זוכען,
אומזיסט מײן בעגעהר
צו טרעפען איהר ווידער —
ווײנט מײנע לידער!

אַ חלום נור ברײנגט מיר
איהר שטימע צוריק,
איהר שײנענדען פּנים,
איהר טרײסטענדען בליק.
אַ חלום נור שײנקט מיר
ווידער מײן גליק.

אָ, פרעכטיגע גלידער!
אָ, ליעבע געשטאַלט!
אומזיסט איז מײן האָפען,
מײן האַרץ איז פערגאַלט:
איך זעה איהר ניט ווידער, —
ווײנט, מײנע לידער!

טויטע ליעבע

דער פריהלינג קומט, עס שמעקט די לופט,
דער הימעל גלאַנצט, דער פייגעל רופט
פון גרינעם בוים צו מיר אַראָב:
„מאַך אויף דיין בליק, הויב אויף דיין קאָפּ
און זעה, און הער — עס שיינט און זשומט,
די זיסע צייט פון לעבען קומט!“

אָ, פייגעל זיס, אָ, פייגעל ליעב,
וואָס ווייסט דו ווי מיין האַרץ איז טריעב?
איך קען ניט הערען, קען ניט זעהן,
עס איז געשעהן, עס איז געשעהן,
מיין וואונד איז טיעף, מיין וועה איז גרויס,
מיין ליעבסטע ליעגט אין קבר׳ס שויס.

„אָ, טויטע ליעבע, גרויסער בראַך!
פערגעס, פערגעס און טרייסט זיך דאָך!
דיין שמערץ איז גרויס, דאָך ניט אויף לאַנג,
איך זינג דיר ווידער אַ געזאַנג —
עס שטאַרבט די בלום; עס קומט אַ מאַי,
אָ, ליעב נאָך, ליעב נאָך פון דאָס ניי!“

אומזיסט, מיין קינד, דיין שעהנסטער טאָן
בלייבט פרעמד מיין האַרץ, ער ריהרט ניט אָן.
עס וועלקט אַ בלום, עס פאַלט אַ טרער,
די טויטע ליעבע לעבט ניט מעהר.
צו ענג די גאַס, צו פרעמד די שטוב,
דער בעסטער אָרט נור איז די גרוב.

די שעהנע מינע

זי איז געוועזען יונג און שעהן
ווען זי איז דאָ געקומען,
און האָט פערלאָרען גאָר איהר חן
פונקט ווי אין הערבסט די בלומען.

די שווארצע לאָקען גראָהלעך שוין,
די אויגען מאַט, פערלאָשען,
און פון איהר יאָהרען־לאַנגען לוין
האָט זי קיין רויטען גראָשען.

זי האָט געשפייזט די הויזגעזינד,
אַ מאַמען מיט אַ טאַטען;
זי איז געווען אַ גוטעס קינד,
איצט איז זי נור אַ שאָטען.

זי האָט קיין זאַך זיך אָבגעשפּאָרט,
קיין חופה און קיין פריידען,
די שעהנע איז נור איצט אַ וואָרט
אומזיסט אַרויסצורייידען.

די עלטערן קוקען מיט אַ שרעק
אויף זייער שעהנע מינע,
און רוקען לאַנגזאַם זיך אַוועק,
און לאָזען אַ רואינע...

אַרבייטער־ליעבע

ער שטעהט אין קוזניע, שמידט דעם אייזען,
און זיין געליעבטערס האַרץ איז גרוים:
זי וועט איהם שוין איהר ליעבע ווייזען,
ווי גיך ער קומט ביינאַכט צו הויז.

זי באַקט איהם קוכען, שטריקט איהם זאָקען,
און איבט זיך איין אין שעהנע רייד.
און דאַן פערקאַמט זי איהרע לאָקען,
און וואַרט אויף איהם מיט מיידעל־פרייד.

ער קומט; זי לויפט איהם גיך ענטקעגען,
מאַכט אויף די טיהר מיט זיסען גרוס.
און ער ברייגנט גרייט פון איהרעטוועגען
פון קוזניע מיט אַ הייסען קוס...

אַ קוס געשמידט אין האַרצענס פייער,
און גרוים און הייליג ווי די וועלט,
און ער דערלאַנגט דאָס זיין געטרייער,
און זי עמפּפאַנגט דאָס און זי קוועלט.

„וואָס מאַכסט דו? זאָג, געליעבטע מיינע!
מיין זיסער לעבען און מיין לוסט!“
און מיט די פעסטע אָרעמס זיינע
דריקט ער זי צו זיין שטאַרקע ברוסט.

ליעבע

(אויף דעם שרעקליכען טויט פון איזידאָר
שטרויס און זיין געטרייע פרוי)

... און אויף דער זינק־שיף שטעהט אַ איד,
עס ליאַרעמט אַרום איהם און זידט,
און צו זיין ליעבע פרוי זאָגט ער:
„מיין ליעב, קענסט דאָ ניט בלייבען מעהר,
דו האָסט אַ רעטונגס־שיף פאַר זיך,
געה, רעטט דיין טייערעס לעבען גיך“.
דאָך זי נעהמט ליעבליך איהם ארום:
„מיט דיר צוזאַמען קום איך אום,
ווער קען דען רייסען אונזער בונד?
איך געה מיט דיר צוגלייך אין גרונד“.

דער ווינד פערשעמט זיך און פערשווינדט
און גלייך בעהאַלט זיך יעדער אינד,
דער ים פערציטערט און דערשרעקט:
„איך האָב אומזיסט מיין כעס געוועקט,
מיין גבורה איז אויף שוים געבויט,
די ליעבע שרעקט ניט פאַר דעם טויט,
איך בין אַלמעכטיג, איך בין גרויס,
דאָך ריינע ליעבע לאַכט מיך אויס.
מיין קראַפט פערשווינדט אַזוי ווי טהוי,
בעזיעגט דורך ליעבע פון אַ פרוי...“

ניט זאָרג זיך

ניט זאָרג זיך, טייערער מלאך גוטער,
וואָס דיר ווערט גראָה דער קאָפּ: דאָס איז קיין שטער,
דאָן ליעב איך דיך ווי מען ליעבט אַ מוטער,
דאָן ליעב איך דיך טייערע, נאָך מעהר.

ווער אַלט, ווער גראָה, בעיאָהרענט אין פריידען,
דו ביזט דאָך גראָה געוואָרען ביי מיין זייט,
ניט זאָרג זיך, ניט האָב דערפון קיין ליידען,
און ווער אַן אַלטיטשקע מיט דער צייט.

און ווערט דיין פנים פול אַלטקייטס־פאַלטען,
ניט רייד מיט אַ רחמנות'דיג קול,
געדיינק, אַז אין יעדען קנייטש בעהאַלטען
ליעגט מיין הייסער קוש נאָך פון אַמאָל.

איך ליעב דיך, ליעב, ווי איך ליעב ניט קיינעם,
דיין מיידעלשאַפט ליעגט מיר נאָך אין טעם,
קום! גיעב מיר דיין האַנד, לאָמיר אינאיינעם
דאָ אַדורכשווימען דעם לעבענס־ים!

חתן תורה

איך עפען דיין בוזים מיט קדושה,
גערייניגט פון אַלע עבירות,
איך זעה דאָרטען צוויי ספרי תורות:
צוויי בריסט ריינע, — דו ווערסט פול בושה.

איך קוק דאָרט מיט עהרפורכט, מיט מורא,
דו האַלסט דיינע אויגען געשלאָסען.
ווי גליקליך בין איך, יאָ, דיין חתן,
דיין גליקליכער חתן התורה!

מינוט

דו האָסט דאָן קיין וואָרט ניט גערעדט,
נור שטיל און זים ווי לבנה־שיין
ביי מיר אין דעם שלאָפצימער אריין
און האָסט זיך געלייגט אויף מיין בעט.
איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן
אַ פרוי שעהן ווי דו ביזט געווען.

דו האָסט נור געקושט און געלאַכט.
איך האָב דיך פעסט צום האַרצען געדריקט,
דו האָסט מיך מיט ליעבע דערקוויקט
און איך האָב געליעבט און געטראַכט:
דאָס איז אַזוי הייליג און גוט
און דויערט נור אַ פּאָר מינוט!

אָ, לעבען! פאַרוואָס ביזטו קאַרג?
פאַרוואָס געדויערסט דו נור אַ ווייל?
פאַרוואָס לויפסט דו אַ רגע אַ מייל,
איצונד, ווען איך ליעב אַזוי שטאַרק?
וואָס היצסט דו, וואָס קאָכסט דו דאָס בלוט
ניט מעהר ווי אַ קורצע מינוט?

בריסט

כ'וויים, אַז ניט אומזיסט
גיבען פרויען בריסט
שטאַרקייט צו אַ קינד,
קוים נור זעה איך זיי,
שווינדעט נאָר מיין וועה,
גאָר מיין שוואַכקייט שווינדט.

איך דערפיהל מיין קראַפט,
וועלכע ווירקט און שאַפט,
וועלכע מאַכט די וועלט;
און מיט דיר אין בונד
בין איך שטאַרק, געזונד,
און דאָס לעבען קוועלט.

נאַקעט

איך ווייס ניט ווי דער מאַהלער פּיהלט,
ווען דו שטעהסט נאַקעט פאַר זיין בליק;
פאַר מיר איז עס דאָס העכסטע גליק,
מיין ליעבעס־פייער ווערט צושפּיעלט.

מיין אויג דיין נאַק׳טע שעהנקייט בליקט,
איך וואונדער זיך ניט מעהר
אויף דעם וואָס ס׳ציהט מיך מיט בעגעהר
צו דיר, און וואָס איך ווער ענטציקט.

ווען דו ענטבלויזט דיין לייב פאַר מיר,
ביזט דו פיעל הייליגקייט און פּראַכט,
דיין לייב צום ליעבען נור געמאַכט;
און איך, יאָ, איך געה אויס נאָך דיר.

די העכסטע פרייד

דיין יאַק איז רייך, דיין קלייד איז שעהן,
ווי ליעב איך דיך אין זיי צו זעהן!
דער קאַם, וואָס שטעקט אין דיין פרוזיר,
ער רעדט, ער ווינקט, ער לאַכט צו מיר.
דער שלייף אין דיינע צעפּ איז גאָלד,
ער בעט מיך: „האָב מיין מיידעל האָלד“.
די שיכעלאך אויף דיינע פיס,
זיי זיינען חנ'עוודיג און זיס,
און דיינע זאָקען ריידען רייד,
וואָס וועקען אויף די העכסטע פרייד.

אַ בוך

דו פרעגסט מיך וואָס איך זוך ביי דיר,
דו פרעגסט אויב ס'איז אַ בוך ביי דיר,
וואו כ'וואָלט דעם מח מיר געשליפען.
אַ בוך, יאָ, אַ פערזיעגעלטער,
אָ, עפען, שוועסטער, אָהן אַ שטער,
דען איך וויל זיך אין איהם פערטיפען.

גאָט'ס כונה

ניין, ניט אום פּאָליטיק צו ריידען
האָט גאָט דיך מיר געגעבען;
ניין, עטוואָס בעסער פאַר אונז ביידען
האָט ער בעשטימט אין לעבען.

פיעל העכער איז דאָ גאָט'ס כונה:
ער האָט אונז אויסגעקליבען
די ליעבע אַלס אַ האַרץ-מתנה,
טאָ קום, און לאָמיר ליעבען!

דו ווייסט שוין

אַמאָל, אַמאָל האָסט דו געמיינט,
אַ מאַן ווערט מיט אַ פרוי פעראיינט
זיך סתם אַזוי, אַלס גוטע פריינד,
גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס היינט,
ביזט לאַנג פון יענעם ג'דאַנק אַוועק,
דו ווייסט שוין גוט דעם רעכטען צוועק.

צו פרוי ל

(אויף אַ וויזיטנע קאַרטע)

זעה ! די בערגער־שפּיצען גרינען
אָן די וואָלקען אָנגעקניפּטע —
אונטען פאָהרט אַ שיפעל ; ד׳רינען
זיצען טרוימענד די פערליעבטע.

דאָך ניט אויבען און ניט אונטען
קען דאָס אַזוי שעהן פערבלייבען !
אַך ! עס גיעבען טויזענד גרונטען
לעבענס פריידען צו פערטרייבען !

אָהן ווערטער

מיר טהוען וואָס גאָט און לייט הייסען,
מיר טהוען וואָס גאָט און לייט ווייסען,
מיר טהוען דאָס, וואָס אַלע לייט טהוען,
עס צווינגט אונז, מיר קענען ניט רוהען
און טהוען דעם לעבענס בעפעהלען,
מיר טאָרען זיך געגען ניט שטעלען...
דאָס טהוט אויך דער רב און דער גלח,
ס׳איז קיינער פון אונז ניט קיין מלאך.
ווי וואויל און ווי גוט איז אונזביידען!
דאָך דארפען דערפון מיר ניט ריידען.
עס טאָר ניט אַרויס אויף די ליפען
דאָס וואָרט, וועלכער דארף אונז פערקניפען,
עס קענען קיין ווערטער ניט געבען
קיין אויסדרוק צו ליעבע און לעבען.

ווי שווער

ווי שווער עס איז אין כעס צו ווערען
אויף דעם, וואָס דו האָסט האַרציג געהערט;
ווי שווער עס איז גאָר צו פערדאַמען
אָט דעם, וואָס דיינע ליעבעס פלאַמען
פאַר איהם נור טיעף אין בוזים שלאָגען;
ווי שווער עס איז איהם האַרב צו זאָגען:
„איך האָב דיך פיינד, דו פאַלשעס וועזען,
ווי ווערט מען פאָרט פון דיר גענעזען?“

דאָך, פאַלשע, מוז איך דיר דאָס זאָגען,
איך קען דאָס לייגער שוין ניט טראָגען.

מיין וואָרט

איך בין נאַטור׳ס צונג,
און אַלט און יונג
מיט לייד, צי פרייד,
זיי הערען די רייד,
די רייד, וואָס איך גיעב,
דאַן, ווען איך ליעב.

בּיזט ניט צופריעדען

בּיזט ניט צופריעדען, הייסגעליעבּטע;
ביזט ניט צופריעדען מיט דיין בערוף
אַלס פרוי. דיך אַרט די גרויסע שאלה,
פאַר וואָס איך זוך נור ביי דיר דעם גוף.

דו נאַר! מיר פעהלט ניט קיין נשמה,
איך קען פערטראַג'ן אָבער מעהרער לייב,
אַזוי ווי דו ביזט איצטער מיינע,
געפין איך דאָס ביי דיר, טייער ווייב!

וואָס אַרט דיך וואָס איך זוך, געליעבּטע?
כל זמן איך געפין דאָס נור ביי דיר,
האָסט אַלץ, וואָס איך בעדאַרף, מיין שעהנע,
ניט זאָרג זיך! ביזט גוט גענוג פאַר מיר.

בלייבסט מיינע

דו ביזט צו שפעט געבאָרען
אונ ביזט שוין מיט מיר פערקניפּט,
ווען דו וואָלסט פריהער געוואָרען,
וואָלט גאָט זיך אין דיר פערליעבט.

דו וואָלסט געוועזן די מוטער
פון זיין איינציג קינד,
ער וואָלט געוועזן אַ גוטער,
די גלויבער אין איהם, ניט בלינד...

איצט וועט דיך הימעלס ריכטער
ניט טשעפּען, צוליעב מיין שטים...
ער טהוט קיין שלעכטס די דיכטער,
וואָס זינגען ליעדער פאַר איהם.

עס איז געשעהן

דו ליעבסט מיך ניט, דו ליעבסט מיך ניט,
איך זעה עס איז געשעהן.
דו ליעבסט מיך ניט, דו ליעבסט מיך ניט
און ווילסט מיך מעהר ניט זעהן.

דו האָסט געדראָהט און האָסט געדראָהט,
איך האָב געמיינט דו שפּאַסט,
דו האָסט געדראָהט און האָסט געדראָהט
און ענדליך מיך פערהאַסט.

אָבגענאַרט

ווערט זי קומען? ווערט זי ניט?
אַך, ווי מיר אין הארצען ציהט,
אַך! וואָס רייצט זי זיך אַזוי?
אָ, די זיסע, פאַלשע פרוי!

דריי מאָל האָב איך שוין געוואַרט
און זי האָט מיך אָבגענאַרט.
אַך! דאָס ברייננגט מיך אום פון שלאָף,
נעהמען זאָל דאָס שוין אַ סוף!

איך רוף דיך גאָר ניט

איך זאָג: „מיין גאָלד, איך האָב דיך האָלד",
דאַן קוקסט דו זיך אַרום,
דו זעהסט אויף זיך קיין ברעקעל גאָלד
און מאַכסט דיין מינע קרום:

„דו רעדסט פון גאָלד, ס'איז אָהן אַ קלעהר
אַ גוטע זאַך, דו יאָלד!
רו רעדסט דערפון, טאָ גיעב אַהער!
יאָ, גיעב אַהער דאָס גאָלד!"

איך וואָלט דיך רופען: „מיין בריליאַנט",
איז דאָ אַ גרויסער שטעהר:
מיר איז דיין אַרגומענט בעקאַנט,
איך רוף דיך גאָר ניט מעהר...

די שלאַנג

וואו לויפט איהר וואָלקען? וואו איילט איהר?
אַוואו צורינט איהר?
אַוואו שווינד איהר?
און וואו, ערקלעהרט מיר, פערוויילט איהר?
זאָגט, רוהט איהר ניט אוים
דאָרט איבער איהר הויז?

אָ, אויב איהר שטעלט זיך דאָרטען אָב,
און איהר זעהט זי דאָרט,
טאָ וויינט אויף דעם אָרט!
יאָ, רעגענט טרויעריג אַראָב,
בענעצט יענע שטוב,
דען זי איז מיין גרוב.

איך האָב דאָרט אויך אומזיסט געוויינט,
מיין אויג האָט געטרעהרט.
זי האָט אָבגעקעהרט
איהר שעהנעם קאָפּ, מיין וואונש פערניינט.
דאָרט ביי יענער שלאַנג
בין איך טויט שוין לאַנג.

ווי בין איך מקנא...

ווי בין איך מקנא דעם מענשעל,
וואָס אין דיין אויג דיר וואוינט!
ווי בין איך מקנא דעם שאָטען,
וואָס אָן דיין צאָפּ דיר הענגט!

ווי בין איך מקנא דעם שמייכעל,
וואָס אין דיין מינע ליעגט!
ווי בין איך מקנא די זיסקייט,
וואָס אין דיין שטימע קלינגט!

ווי בין איך מקנא דאָס פליעג'לע,
וואָס דיר דיין שולטער גלעט!
ווי בין איך מקנא די שטיינער,
אַוואו דיין פיסעל טרעט!

פערסישעם ליעד

נעהמסט אַראָב די הוט,
ווערט מיר אַזוי גוט,
נעהמסט אַראָב די קלייד,
קוק איך מיט אַ פרייד,
נעהמסט אַראָב די שיך,
שלאָגט מיין הארץ אויף גיך,
בלייבסט דו אין איין העמד,
ביזט דו מיר ניט פרעמד,
ווייזט דו מיר דיין לייב,
בין איך מאַן, דו — ווייב.

די ערשטע בעגעגעניש

דו דערמאָהנסט זיך וואו דאָס איז געווען,
און ווי אַזוי דאָס איז געשעהן,
דערמאָהנסט זיך אַלץ אָן יענעם ברען,
ווי דו וואָלסט פאַר די אויגען זעהן
דעם גרויסען הייליגען מאָמענט,
ווען דו האָסט זיך מיט מיר בעקענט.
האָסט נערוועז מיר געדריקט די הענד,
מיט ליעבע מיר אין אויג געקוקט,
און האָסט אַ שכינה־וואָרט פערשלוקט,
און מיט אַ פייער, מיט אַ בראַנד
דיין האַרץ געדריקט ביי מיר אין האַנד:
דאָס האָט געגליהט, געברענט, געקלאַפּט.
איך האָב דיין טאַליע אָנגעכאַפּט
און מיט אַ וואָרט פיעל מעהר אַלס גאָלד
געזאָגט: „מאַדאַם, איך האָב אייך האָלד!“

האָסט געציטערט און געשוויגען שטיל.
אַזעלכע מאָמענטען האָט לעבען ניט פיעל.

איצט ביזט דו מיינע

דו וועהרסט זיך און דו מיינסט דאָס ניט,
דו שווערסט זיך און דו מיינסט דאָס ניט,
דו קלעהרסט זיך : „אָ, הארציגער, ליעבער !“
און גיעבסט זיך מיט א פלאָם מיר איבער.

איך האָב גיך אַן דיין קוק געזעהן,
איך האָב זיך — ס'איז גענוג געוועןׂ —
דיין געדאַנק אָנפאַנג באַלד געדרונגען,
און ענדליך איז דאָס מיר געלונגען...

עס איז וואָהר, האָסט ניט פיעל גערעדט,
עס איז קלאָהר, דו האָסט שטיל גערעדט,
די תנועות, אָ, די דערגעה איך שוין,
די שבועות, אָ, די פערשטעה איך שוין.

איך וויים גוט, האָסט מיך גערן געהאַט,
און היים בלוט קען ניט ווערען גלאַט
מיט ווערטער אַליין נור איינגעשטילט,
און איך האָב אויך דיין ראַנגלען דערפיהלט...

עס מעג פייער און בליץ איצט זיין,
מיין טייער בעזיץ, דו ביזט מיין.
איצט העלפט דיר שוין ניט מעהר קיין טענה,
דו ביזט געוועזן און בלייבסט שוין מיינע !

בלייב מיט מיר

עס האָט דיך, ליעבסטע, מאַנכער נאַר
געליעבט צופלייסען בלויז דערפאַר
אום דיך נור אָבצומאָלען,
פון דיר צו מאַכען אַ ראַפּאָרט,
צו שילד'רען דיך בלויז מיט'ן וואָרט,
אום מען זאָל איהם בעצאָהלען.

האָט זיך אַלס „ליעבסטער" פאָרגעשטעלט
געמאַכט אַ ליעד, צו מאַכען געלד,
דאַן דיר געהיימען ווייכען...
קענסט מיך מיט יענעם גראָבען מאַן,
מיט יענעם פרעכען שאַרלאַטאַן,
געליעבטע, נים פערגלייכען.

דען איך, איך ליעב דיך טאַקע וואָהר,
אָ, גיעב דיר גאָט נור לאַנגע יאָהר!
איך מיין נים צו פערדיענען,
איך וויל אין דיינע ליעבשאַפט בלויז
געהייליגט ווערען, ווערען גרויס,
אין דיר נור גליק געפינען.

אונ ווען עס דיכטעט מיין נאַטור,
דאַן איז דאָס פּאָר אונז ביידען נור,
וואָס קימ'רען מיך די מענשען?
ניט וייך, מיין זיסע, בלייב ביי מיר!
דען איך בין אונגליקליך אָהן דיר,
מעג דיך דער הימעל בענשען!

איך וויל ניט מעהר

מיין קאָפּ איז אויף דיין ברוסט געלעהנט,
מיין בליק צו דיינעם צוגעווענד'ט,
דיין צאַרטע האַנד אין מיינע הענד —
וואָס קען איך מעהרער נאָך פערלאַנגען?
דו כרוב, דו וואונדערבאַרעם בילד,
דו זיסער מלאך ליעב און מילד,
מיט גייסט און לעבען דורכגעשפּיעלט,
מאַטיוו פון מיינע האַרץ־געזאַנגען!

אַ גרויס האַרץ

אַזעלכע קליינע ליפּעלעך,
אַזעלכע קליינע הענטעלעך,
אַזעלכע קליינע פיסעלעך,
און דאָך דיין האַרץ ווי גרויס!
יאָ, טויזענד גרויסע בחורים
בעהאַלטסט דו דאָרטען שפּיעלענדיג,
און איך בין אַ פערלאָרענער
און זעה זיך ניט אַרויס...

ווי מיין זעלמאַ

די לבנה איז בלייך און קאַלט,
אַן אומעטיגע ווייבס געשטאַלט
קוקט שטיל אַרונטער אין דער נאַכט;
און לאַנגזאַם קריכט אַ טיעפע פיין
אין בוזים שטיל ביי מיר אריין,
כ'קוק די לבנה אַן און טראַכט:

איהר פנים אַזוי מילד און קלאָר
איז ריכטיג ווי מיין זעלמאַ גאָר,
נור ניט ווי זעלמאַ לעבעדיג,
דען זעלמא'ס פנים שיינט און לאַכט,
איז פול מיט ליעבע, פול מיט פראַכט,
און יונגעם מענשענגליק.

פֿערשטעהסט מיך ניט

פֿערשטעהסט מיך ניט: אין דיין געדאַנק:
איז רעכט צומאָל צו מיינען,
ווען דו דערזעהסט מיך וויינען,
אַז איך בין קערפּערליך גאָר קראַנק.

צי גאָר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט
אָן פֿריידען לאַנג פֿערלאָרען.
אָן פֿרייד נאָך ניט געבאָרען,
געליעבטע, פֿרייד נאָך ניט געקאָנט,

נאָך ניט געפֿיהלט, גאָר ניט געהאַט
גאָר ביינק איך. און די טרעהרען,
זיי קומען און זיי ווערען
ווי פּערל־טהוי אויף אַ גרינע בלאַט.

איך האָב דיך קיינמאָל ניט פֿערמאָגט,
מיין קינד, קיינמאָל בעזעסען.
די ליעבעס־וועהען פֿרעסען,
עס ציהט דאָס האַרץ, די זעעלע קלאָגט.

אַ כשר'ער קרבן

איך וועל זיך ניט היינגען, ניט טרינקען,
מיין לעבען זאָל ניט זיין פערלענד'ט,
ווען דו ווערסט צו אַנדערע ווינקען,
איך האָב שוין די זאַכען דערקענט.

איך גלויב ניט אַ פּרוי מעהר, איהר שמייכעל,
און מעג ער ווי אונשולדיג זיין,
דען אויף דעם אַלטאַר פון איהר היכל
קען אָפּטמאָל אויך ליעגען אַ שוויין...

איהר שמעקט אויך אַ חזיר'שער קרבן,
איהר שמעקט אויך זיין פלייש און זיין בלוט...
איהר אַארט ניט, וואָס זי האָט ערוואָרבען,
אַבי נור זי פיהלט, אַז ס'איז גוט.

מיין ליעבע, זי איז אַ טייבעלע,
אַ כשר'ער קרבן און ריין,
דו מוזט איהר פערדיענען, ווייבעלע,
דו מוזט זיין אַ צנועה און שעהן.

דאָך ווי גיך דו ווערסט אָן די צניעות,
און פאַלסט מיר אין ספק אריין,
ווי גיך איך דערזעה אין דיר פּניות,
דאַן קענסט דו מעהר מיינע ניט זיין.

מיין פערמעגען

מיט אַ וואונק פון דיין אויג בין איך געפאַנגען.
איך בין געוואָרען דיינער אַ בעזיעגטער,
איך בין מעהר פון דיין נאָהנ׳טקייט ניט געגאַנגען,
ס׳האָט מיך צו דיר געצויגען ווי מיט צוואַנגען.
דאָך איך בין פון מיין קנעכטשאַפט אַן ענטציקטער.
און מיין דיך דיענען, ליעב, אַ הויכבעגליקטער,
איך קוועל אין דיינע נעצען אַ פערשטריקטער,
איך ליעב צו הערען פון מיין קייט די קלאַנגען....
מיך קוויקען מיינע אייגענע באַנגען,
מיך קוויקט אויך מיין פערלאָרענעם פערלאַנגען,
כאָטש אין דער האָפנונג מיינער קריכען שלאַנגען...
יאָ, כאָטש איך געה אַרום ווי אַ פעריקטער,
אַ טויטער, אַ פערוועלקטער, אַ צודריקטער.
אָ, דער געדאַנק: איך לייד פון דיינעטוועגען,
איז מיר דער גרעסטער, גייסטיגער פערמעגען.

איך ליעב דיך דאָך

דו האָסט אַ מאַן און האָסט אויך קינדער,
דו האַלסט דאָס פּאר אַ גרויסען שטעהר,
און קוקסט אויף מיר ווי אויף אַ זינדער,
ווייל איך פערטרוי דיר מיין בעגעהר.

דו גלויבסט איך מוז נור זינד פערמאָגען,
עבירות שרעקליכע, אַ גרויל!
ווען איך דערוועג זיך דיר צו זאָגען
אַזעלכע זאַכען מיט מיין מויל.

דיינק וואָס דו ווילסט, בין אַ פערליעבטער,
דיינק שלעכט פון מיר, דיינק נאָך און נאָך!
איך בלייב צו דיר אַ צוגעקניפּטער,
געליעבטעסטע, איך ליעב דיך דאָך!

זייט גרייט

דאָס איז אונזער פריהלינג. פריי
שפּראָצט עס, בליהט עס נאָה'נט און ווייט,
אונזער הייליג־גרינער מאַי,
אונזער שעהנע ליעבעס־צייט!

פון דעם קאַלטען באָדען בליקט
ליעב ארויס דער יונגער זאַנג,
און דער פרישער פרוכט־בוים קוויקט,
זיס צוטראָגט זיך פויגעל־קלאַנג.

דאָס צוקלעהמטע הארץ ערוואַכט,
און דאָס אַלטע וועה פערשטומט.
קירצער ווערט די שווארצע נאַכט,
און אַ יונגער מאָרגען קומט...

די פעלד־צייט וועט זיין אונזער צייט,
יאָ, פאַר אונז נור וואקסט און בליהט, —
גרייט אָן די מערפעס, האָרכט עס שרייט:
„ערהויבט זיך און זייט גרייט צום שניט"!...

געשאָלטען און געבענשט

איך האָב די וועלט געפלוכט,
איהר ניט געוואָלט מעהר זעהן,
איך האָב דיין ליעבע פערזוכט
און מיר איז גוט געווען.

איך האָב ביי דיר אין בליק
געפונען וואָס מיר פעהלט:
איך האָב געפונען גליק
און האָב געבענשט די וועלט.

איך קען דיר...

איך קען דיר קיין דעה ניט זאָגען
זאָלסט אייביג אין הארצען מיך טראָגען;
איך קען דיר, מיין ליעבסטע, ניט וועהרען
זאָלסט שפּעטער אַ צווייטען געהערען.
דאָך כל זמן מיין ליעד קען דיך וועקען,
כל זמן ער האָט פייער פאַר מיר,
מוז איך נור זיין איינער ביי דיר!
אָ, לאָז ניט אַ צווייטען פערמעקען
דעם אָרט, וואו דו טראָגסט מיך אין זיך!
מיין ליעב, ניט פערגעס מיך אויף גיך!

זעלמאַ

ביזט דו אַ רויז וואָס בליהט, אָ, זעלמאַ?
ביזט דו אַ שטראַהל וואָס גליהט, אָ, זעלמאַ?
ביזט דו אַ ליכט וואָס לייכט, אָ, זעלמאַ?
מיין טריבער בליק ווערט פייכט, אָ, זעלמאַ,
ווען איך דיינק פון דיין זיסער מינע,
דו הייליגע, דו מלאך, דו שכינה!

די ליעבסטע קומט

באַלד וועט די ליעבסטע קומען
פון דאָרט, וואו ס׳וואַקסען בלומען,
פון וואו די ביהנען זשומען,
יאַ, קומען און מיר געבען
לוסט און פרייד און לעבען !
באַלד קומט דאָס ליעבע ווייב
מיט איהר געבענשטען לייב !

באַלד וועט זי מיך אומאַרמען !
באַלד וועט זי מיך דערוואַרמען !
באַלד וועט זי זיך דערבאַרמען
אויף מיר, צו זיך מיך דריקען !
באַלד וועט זי מיך דערקוויקען
מיט ליעבע ביי איהר ברוסט,
באַלד ברייננט זי טרייסט און לוסט !

ווילקאָמען שעהנע, טרייע !
ווי בין איך מיך מחיה !
פאַנטאַזיעס אייביג נייע
מיין האַרץ בעשפינען ;
יאָ, באַלד וועל איך געפינען
אָט דאָס, נאָך וואָס איך שמאַכט
כסדר, טאָג און נאַכט.

צו דער פישער־מיידעל

פריי נאָך ה. היינע.

דו, שעהנע פישער־מיידעל,
טרייב דיין שיפעל צום לאַנד,
זעץ זיך נעבען מיר אַנידער
און גיעב דיין צאַרטע האַנד.

טוליע זיך צו צו מיר, קינד,
שטיל און זאַנפט ווי אַ לאַם.
פערטרויסט זיך דאָך אָהן זאָרגען
טעגליך דעם ווילדען ים.

מיין הארץ איז ווי דער ים אויך,
האָט שטורעם, עב און פלוט,
און מאַנכע שעהנע פערל
דאָרט אין זיין טיעפקייט רוהט.

ים־ליעבע

פריי נאָך ה. היינע.

דער ים גלאַנצט רויט אין זונענשטראַהל
פונקט ווי א בלוט'גער פלאַם.
מיינע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבען,
דאַן וואַרפט מיך אַריין אין ים.

כ'האָב שטענדיג דעם ים האָלד געהאַט,
ער האָט מיט זאַנפטער פלוט
גאָר אָפט דאָס האַרץ געקיהלט מיר:
מיר האָב'ן געלעבט אזוי גוט.

אַראַבישעס ליעד

ניט לעש אוים די ליכט!
וויז מיר דיין געזיכט!
וויז מיר וואָס דו ביזט!
כ'וויל זעהן דיינע בריסט,
כ'וויל אַ קוק טהאָן דאָרט,
וואו די ליעבע קוויקט;
איך וויל זעהן דעם אָרט,
וואו די שעפפונג ליעגט.

דעם הימעל

איך האָב דיך גאַנץ לייכט אָבגעדעקט,
איך האָב דיך פון שלאָף אויפגעוועקט ;
מיר האָט דיינע האָניג געקלעקט
איך האָב דיינע רויזען געשמעקט ;
דו האָסט ניט מיין ליעבע געשטערט,
און האָסט נאָך מיין תענוג געמעהרט,
האָסט ליעבליכע רייד מיר געזאָגט, —
אָ, איך האָב דעם הימעל פערמאָגט !

פערסישעס ליעד

דיינע קליידער זיינען רייך:
זייד און סאַמעט, שפּיצען, גאָלד;
דאָך ווי גיך איך זעה דיך גלייך
אָהן דעם וואָלט איך דיך געוואָלט.

קליידער זיינען שעהן, מיט נוץ,
ווען זיי פּאַסען די פיגור,
אָבער אונטער קלייד און פּוץ
ליעגט די ערליכע נאַטור.

יענע „מאָדע", שעהנקייט, פּראַכט,
פון דעם אייביגען מאָדיסט,
יענער פּוץ פון גאָט געמאַכט,
יענע אָרעמס, היפּטען, בריסט,

יענע שעהנקייט פּאַקט דיך באַלד,
יענער וואונדער, יענע ציער,
און זי האַלט דיך מיט אַ גוואַלד
און דו קענסט ניט געהן פון איהר.

יאָהרען, דורות און זי בלייבט
שטענדיג שעהן און שטענדיג ניי;
זי איז אייביג און זי טרייבט
אַלע מאָדעס גיך פאַרביי.

לאָזט מיך קוקען אויף גאָטס „שניט“!
לאָזט! דאָס פאַלט מיר ניט צו לאַסט,
עטוואָס שעהנערס גיעבט דאָס ניט,
אַך! ווי וואונדערשעהן דאָס פּאַסט!

פרויען־אויגען

ווען טיעף איך בליק אין דיינע שעהנע אויגען,
געליעבטע, אין די הימעל־זיסע שטערען,
דאַן זעה איך דאָרט דעם פיעל קאָלירטען בויגען,
וואָס זאָגט מיר, אז קיין מבול וועט ניט ווערען.

דאָך פלוצלינג ברעכען דורך זיך טרעהרען־קוואַלען
פון דיינע קלאָהרע בליקען. איך נעהם קלעהרען:
וואו זיינען ענדליך דיינע גאָלד'נע שטראַהלען?
ווי קומסט דו, ליעבסטע, מיט א מבול טרעהרען?

אָט דיעזע פראַגען מאַט'רען מיך און דריקען;
דאָך קומט א שטים פון ערגעץ זיך צוטראָגען:
„דו שוטה! ניט געטרוי קיין פרויען־בליקען,
זיי וועלען דיר דעם אמת קיינמאָל זאָגען".

דאָס אייביגע ליעד

איך וואָלט אַ נייעס וואָרט געזאָגט,
אַ נייעס ליעד געזונגען.
דאָך האָט די ניי'ס שוין אָבגעטאָגט,
דאָס ליעד האָט אָבגעקלונגען.

עס האָט די וועלט קיין נייקייט מעהר,
איהר קענט קיין ניי'ס ניט לעזען.
יאָ שאַף אהין און שאַף אהער,
ס'איז אַלצדינג שוין געוועזען.

די פאָרמע, זי קען זיין נאָך ניי,
דער אינהאַלט אָבער זעלטען;
דאָס ליעד פון ווינטער, ווי פון מאַי,
קלינגט לאַנג שוין דורך די וועלטען.

איין זאַך נור האָט אין זיך דעם קלונג
פון אייביג נייעס שטרעבען:
די ליעבע, זי איז אייביג יונג
און ניי אזוי ווי לעבען.

דרום ליעבט ווי לאַנג איהר האָט נאָך קראַפט,
און לאָזט זיך ניט פערמעקען,
דען נור די ליעבע איז א האַפט,
דער צוועק פון אלע צוועקען.

אַן אויסוואורף

מיין קינד'ס פּאַטער דאַרפט איהר ניט קענען,
איך וועל אייך זיין נאָמען ניט זאָגען,
איהר מעגט מיך אי שילטען, אי שלאָגען,
איהר מעגט מיך אפילו פערברענען.

איך דאַרף אייך קיין חשבון ניט געבען
פון מיינע הייסע ליעבעס פלאַמען;
כ'בין געווען מיט'ן ליעבסטען צוזאמען,
איך ליעב איהם אזוי ווי מיין לעבען.

און מעגט איהר טהאָן אַלצדינג, וואָס איהר ווייסט,
איך וועל אייך ניט זאָגען ווי ער הייסט.

* * *

וואָס איז דאָס דיר, רב'ל, נוגע?
מוז איך דאָס האָבען דיין הסכמה
צו לאָזען ליעבען מיין נשמה?
מוז מיין ברוסט פרעגען דיר א דעה?

יא, מוז דאָס מיין הארץ ביי דיר פרעגען
פאַר וועמען עס זאָל זיך צוקנעפּלען?
מוזט דו דאָס די ערלויב'ניש פרעפּלען,
אונז מענשען זאָגען וואָס מיר מעגען?

ס'מעג דיר מיין זווג זיין אונבעוואוסט,
איך ליעב נור דעם, וואָס מיין הארץ געלוסט.

* * *

איהר ווילט דוקא מיין קינד פערדאַמען,
„אונעהרליך", זאָגט איהר, היפּאָקריטען!
ווייל ניט נאָך אייער שניט געשניטען...
דאָס קינד איז די טרייסט פון זיין מאַמען!

איך ליעב עס אזוי ווי זיין טאַטען,
און איהר קענט דאָס מיר ניט פארווערען!
מיין קינד איז מיין ליכטיגער שטערען,
ניטאָ אויף איהם פון זינד קיין שאַטען.

עס האָט אַ פאָטער אָט פונקט ווי איהר,
אַ גאָט אין הימעל, אַ טרייסט אין מיר.

* * *

ניין! איך וועל מיין קינד ניט פערשמייסען,
און מעג איך אויך געהן מיט איהם בעטלען,
איהר קענט מיך פון איהם ניט אָב'פּשט'לען,
פון זיין ליעבען בליק מיך ניט רייסען!

זיין פאָטער, מיין ליעבסטער, איז מיינער,
כאָטש ביי אייך איז דאָס ניט פערשריעבען.
ער האָט געליעבט ווי אלע ליעבען,
געוועזן איז ער דעמאָלט נור מיינער.

וואָס רעדט איהר פון „זינד“? איך לאַך פון אייך,
בין כשר מיט אייך אלע צו גלייך...

אַ געפאלענער מלאך

כ'האָב דיך געטראפען שוויצען אין פאַבריק,
אין דעם גערויש פון די מאַשינען
אַ מענשען אַ פערגרעבטען דיענען.
דו מיט דעם הימעלס־פייער אין דעם בליק,
מיט א געבענשטע הייליג־זיסע מינע,
פער'קנס'ט גאַר מיט אן אייזערנע מאַשינע!

בעפרייען דיך נור איז געווען מיין קלעהר,
דאָך, איך האָב ניט געקענט דיך רעטען,
איך האָב פאר דיר נור גאָט געבעטען,
געווען מתפלל מיט א הייסען טרעהר.
האָסט קיינמאָל ניט געוואוסט מיין האַרץ'ס
בעגעהרען.
איך האָב דיר ניט געוויעזען מיינע טרעהרען.

און איצט געפינסט דו זיך אין יענעם אָרט
פון וואו דו האָסט געדאַרפט גאָר ווייכען;
דיין לייב, אַ תאוה־שפייז דעם רייכען,
מיט זינד און בייזע לוסט צונויף געפּאָרט.
פערלאָשען אין דיין בליק די זיסע שטראַהלען.
אָ, מלאך גוטער, ווי ביזט דו געפאַלען!

אָ, וואָס וועט איצטער זיין דיין ביט׳רער סוף?
אַוואו וועסט דו איצט ענדליך שטאַרבען?
וואָס פאר א קבר וועט דיך אַרבען?
פאר וואָס, פאַר ווען, וועה, קומט דיר דיעזע שטראָף?
האָסט ניט געקענט אין פינסטערען שאַפּ
פערבלייבען?
און איך מוז איצטער דיין טראַגעדיע שרייבען!..

מאָנאָלאָג פון אַ געזונקענער

מיין פאָטער איז אַן אַרבייטער געוועזן,
מיין מוטער האָט געפּעדעלט אין דער גאַס;
מען האָט מיך ניט געלערענט שרייבען, לעזען,
כ'האָב זיך געהאָדעוועט אין נויט און כעס.

ביי נאכט נור פלעג איך זעהן מיין אָר'מען טאטען,
ווען איך פלעג ליעגען הונגעריג אין בעט.
איך פלעג איהם זעהן א מיעדען און א מאַטען,
האָט פיעל געזיפצט און ווייניג וואָס גערעדט.

און שפּעט פלעגט קומען אויך פון גאַס די מוטער,
צוקלעהמט, מיט אַ פערטרויערט, ביטער האַרץ;
אָפט פלעגט זי מיטברייינגען אי ברויט, אי פוטער,
און קללות, קללות אפשר טויזענד קאַרץ.

זיי האָבען קיינמאָל מיר קיין קוש געגעבען,
און קיינמאָל ניט געמאַכט מיט מיר קיין שפּאַס.
וואָס ווייס די שאָפּ פון ליעבע און פון לעבען?
וואָס ווייס די קאַלטע גזלן'טע, די גאַס?

און ע ר, יאָ, ע ר געוועזן איז א גוטער,
געקושט מיך און טראַקטירט מיר, און געליובט.
איך האָב געליעבט איהם מעהרער ווי מיין מוטער,
און ער האָט, אַך, מיין אונשולד מיר גערויבט!

ער האָט מיך שפּעטער גאָר אָוועקגעשמיסען,
און ניט געשאָנקען מיר צומאָל קיין וואָרט.
דאָס האָט געריסען מיר, יאָ, און געריסען,
איך האָב געזוכט א צווייטען אויף זיין אָרט...

דער צווייטער איז אויך גאָר ניט לאַנג געבליבען,
ער איז אַוועק און ניט געקומען מעהר,
דאָך איך האָב שטארק געוואָלט מען זאָל מיך ליעבען,
יאָ, ליעבען! זאָל שוין זיין כאָטש אַבי ווער...

כ׳האָב ניט געזוכט צו פרעגען מעהר קיין שאלה,
צי אימ׳צער ליעבט מיך מיט אַן אמת דאָ;
כ׳האָב שוין געוואוסט, אז ס׳דויערט נור א ווײלע,
אז ס׳איז קיין אייב׳גע ליעבע גאָר ניטאָ.

גוט, גוט—האָב איך געקלעהרט :—איך ליעב איצט קיינעם
און האָב די זאך מיר אַנדערש אויסגעמאָלט.
און ווען איך האָב נאכדעם בעקומען איינעם,
האָט ער מיר שוין פאר „ליעבע” גוט בעצאָהלט.

אזוי בין איך געזונקען און געזונקען
אין עלענד׳ס גרעסטען, יאָמערענדען בראָך,
האָב אָנגעהויבען טרינקען און געטרונקען,
געטרונקען און געזונקען נאָך און נאָך.

נון, שטאַרב איך איצטער, אָרעמקייטס אַ קרבן,
מיין לעבען איז געווען נור רויך און ווינד.
אָ, הלואי וואָלט איך נאָך דאַן געשטאָרבען,
אלס קינד, פון ליעבע פרעמד נאָך און פון זינד.

איך וויל ניט וועקען איצטער קיין זכות אבות.
אָ, ליעבע עלטערען! עס איז געשעהן!
עס איז מיין צער, מיין סוף, מיין מלאך המות
ניט איהר, נור אייער אָרעמקייט געווען!

די זינדיגע

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז שוואַרץ,
כאָטש איין אן אויג צו שטעכען.
זי געהט, עס קלאַפּט דאָס יונגע האַרץ,
די פיס די יונגע ברעכען.

זי קוקט זיך טרויעריג אַרום,
מיט וועהטאָג און מיט צאָרען,
און ביי איהר בוזים האַלט זי שטום
די פרוכט פון זינד געבאָרען.

איהר בליק איז וויסט, איהר פּנים בלאַס,
זי טראַכט מחשבות טריבע:
זי געהט אַוועקוואַרפען אין גאַס
די עד'לע בלום פון ליעבע.

זי וויינט און לייגט דאָס שנעל אַוועק,
און לאָזט איין זיך די וואונדען,
און שילט די וועלט און ווערט מיט שרעק
אין פינסטערנים פערשוואונדען.

נאַכט־ליעדער

.1

כ'צורייס די ווייסע העמד פון דער לבנה־נאַכט
און זוך אין גאַס דעם טיעפען וועה פון ליעבע,
די עלענדקייט פון אונגעלונגענע ליעבע...
א שטילער שאָטען וויעגט זיך אום פערטראַכט,
איך קוק איהם אָן מיט בליקען טריבע —
אַ, אַר'מעס קינד פון ליעבע!...

.2

זי ווינקט ווי האמלעט'ס גייסט צו מיר,
איך געה איהר נאָך,
מיין טיעפער מיטלייד איז מיט איהר,
איך געה איהר נאָך.
איך קום ביז צו אַ פרעמדע טהיר, —
זי ווינקט מיר געהן
מיט ווייסע צייהן,
מיט ליפּען רויט,
עס רעדט די נויט:
„מיין ליעבע דיר,
יאָ, דיר אַליין"...

דאָך איך בלייב שטעהן:
„נאַ, קויף דיר ברויט!" —
זאָג איך צו איהר.
זי קוקט אויף מיר,
יאָ, קוקט און לאַכט:
„אַ שעהנעם דאַנק!
איך נעהם קיין געשאַנק...."
איך בלייב פערטראַכט.

.3

די נאַכט איז העל.
איך האָב איהר באַלד דערקענט,
און האָב זיך שטאַרק דערשראָקען —
דערקענט איהר אָן די שווארצע לאָקען,
דעם ווייסען האַלז דעם קלאָרען,
צום קושען נור געבאָרען.
זי האָט זיך אָבגעווענדט
און ניט געוואָלט מיך זעהן...
אַ ג'ווענער שכן,
בין שיער צונויפגעבראָכען:
„וואָס איז געשעהן?
אַ קרבן?!...

וואָס וועט פון טאַטען ווערן,
ווען ער וועט דאָס דערהערען?"
זי האָט געזיפצט מיט טרעהרען:
„ער איז געשטאָרבען"...

.4

„די שעהנסטע — זאָגט ער — פון דעם הויז!
פון געלד איז קיין מניעה —
איך קום ניט ליעבען קיין מציאה...
אַהער מיר אייער שעהנסטע רויז!"
מען האָט איהם אויפגעמאַכט אַ צימער
פול בלומען און פול שימער.
אַנטקעגען איז צו איהם געקומען
די שעהנסטע בלום פון אַלע בלומען.

„איך האָב דיך ליעב", האָט זי געלאַכט.
„מיין אַלטער, אַלטער גוטער פריינד!
נור דיר אַליין פערדאַנק איך היינט,
דיין „ליעבשאַפט" האָט מיך דאָ געבראַכט...
אָ, קום, מיין אַלטער מייסטער, קום
און נעהם מיך היים אַרום,
און ליעב מיך מיט דיין גאַנצע מאַכט!..."

איהר שעהנקייט האָט איהם באַלד געבלענדעט,
און מיט אַ ליידענשאַפטליך לוסט
איז ער געפאַלען אויף איהר ברוסט,
וואָס ער דער ערשטער האָט געשענדעט
אין ווערקשטאַט, וואו זי האָט געשאַפט
פאַר איהם, יאָ, וואו זי האָט געשקלאַפט.

. . . .
. . . .

„איצט גערה!“ — האָט זי געזאָגט —
„דו זעהסט? דערוויסען טאָגט...
אָ, דער געדאַנק!
דיין לוין איז דיר געגעבען:
דו בלייבסט איצט קראַנק
דיין גאַנצען, שווארצען לעבען...“

* * *

און שטום און בלייך ווי טויט איז ער אַוועק געשווינד,
ביגלייט פון שדים, פון זיין אייגענע זינד...

דרייערליי ליעבעס

אין דער פריה בעזוכט איהר אַ פּראָסטער מאַן,
אַ מיאוס׳ער, מיט דומע רייד,
אַן אָבגעלאָז׳נער און אַ גראָביאַן;
זי גיט איהם „ליעבע“ מיט גרויס לייד.

ביי־טאָג בעזוכט איהר אַן אַלטער, אַ נאַר,
וואָס איז שוין נאָה׳נט פון קבר׳ס טהיר,
אַן אָבגעלעבטער, פערפראָרען און דאַר,
ער זוכט נור וואַרעמקייט ביי איהר.

ביינאַכט קומט אַ בחור געזונד און שעהן,
און הייסע ליעבע איז זיין ציעל;
זי וואָלט זיך בעגנוגענט מיט איהם אַליין,
מיט זיינע קושען שטאַרק און פיעל.

דאָך ליעבט ער נור אַ ווײלע און ניט מעהר,
וואָלט איהר ניט וועלען אַלס זיין ווייב,
דרום איז זי צופריעדען אַבי אַ „ער“
און שמייכעלט, און פערקויפט איהר לייב.

די אָבגענאַרטע

געדיינקסט דו, ווי דו האָסט מיר ליעבע געשוואָרען?
געגרינט האָט דער עפּעלבוים צווישען די קאָרען.
דער פייגעל האָט רוהיג געבליקט פון די צווייגען —
און אַלצדינג אַרום איז געלעגען אין שווייגען...
אָ, וועך האָט עס דאמאָלס געוואוסט דיין כונה?
געשטומט האָבען הימעל און ערד, און לבנה,
ווען דו האָסט געשוואָרען פאַר מיר מיט אַ פייער,
אַז אייביג פערבלייבסט דו מיין איינציג געטרייער.
דו האָסט מיך בע'כשופ'ט, דו האָסט מיך בעטרונקען,
איך בין ווי בעטויבט אין דיין אָרעם געזונקען...
אָ, דאַן איז דיין אונריינער וואונש דיר געלונגען,
דו האָסט אין מיין הייליגטהום פרעך איינגעדרונגען,
מיין עהרע געראובט און מיין לעבען צוריסען,
מיך ביטער בעליידיגט און ענדליך פערשמיסען.

„בין אָרעם און עלענד, וואָס דאַרפסט דו זיך שטערען?
פלעג איך ביי דיר שטענדיג זיך בעטען מיט טרעהרען.
און דו ביסט דאָך רייך און געבילדעט, און איידעל...
געה, זוך דיר אַ שעהנערע, רייכערע מיידעל!
אָ, זאָל מיך דער פייער פון עלענד פערברענען,
פלעג איך צו דיר זאָגען, דו דאַרפסט מיך ניט קענען.

פֿאַרגעס אָן מיין שעהנהייט, איך דאַרף ניט קיין גבירות,
אָ, לאָז מיך אין אַרמוטה, איך זוך קיין עשירות".
געדיינקסט דו די נאַכט, ווען מיר זיינען געגאַנגען?
דער מאָנד איז ווי זילבער אין הימעל געהאַנגען,
פֿון גאָלדענע שטערען בעקראַנצט אין דער סביבה,
וואָס האָבען געשמייכעלט ווי קינדער נאַאיווע...
געדיינקסט יענע נאַכט? אָ, דו דאַרפֿסט איהר געדיינקען!
איך שיינק עס דיר, גאָט זאָל אין הימעל דיר שיינקען!

איך האָב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטען:
„אָ, רייס מיך ניט אויס, ווּעסט מיך שפּעטער צוטרעטען....
„אָ, לאָז מיך! איך וועל מיר צווישען די מאַשינען
אַן עהרליכען מאַן, אַ געליעבטען געפֿינען.
אַ שאַפּ־מיידעל בין איך, וואָס האָב איך צו קלייבען?
בין אָרעם געבאָרען, וועל אָרעם פֿערבלייבען".
דאָך דו האָסט מיט זיסע און קונציגע ווערטער
געשוואָרען, אז דו נור מוזט זיין מיין בעשערטער.
צו שעהן בין איך, האָסט דו געזאָגט, צו פֿערוויאַנען.
פֿאַר מיר איז אַ בעסערעס לעבען פֿאַראַנען.
געדיינקסט דו די נאַכט?.... זי איז לאַנג שוין פֿערגאַנגען.
דער ווינטעל האָט קוים וואָס געשאָקעלט די זאַנגען,
אַרום די נאַטור האָט געקוקט און געשוויגען.
אָ, ווער האָט גערעכענט דו זאָלסט מיך בעטריגען?

אצינד, זאָגסט דו, ווילסט דו מיך מעהר ניט בעגעגנען,
איך האָב ניט דאַגעגען, איך קום זיך געזעגנען.
איך וויים, אַז דו גיעבסט זיך אַן אַנדערער איבער,
נו, ווינש איך דיר מזל טוב.... מזל, מיין ליעבער!
דו ביסט קיין בעל חייב, דיין שם איז געגעזען,
די שולד, זי איז מיינע, יאָ, מיינע געוועזען:
איך האָב ניט געגלויבט, אַז דו וועסט מיך בערויבען,
איך האָב ניט געוואוסט נאָך דעם אונגליק פון גלויבען,
איך האָב נאָך די מענשען גענוי ניט בעגריפען
און האָב ניט געוואוסט, אַז די צונג איז געשליפען.
ניין, דו ביסט ניט שולדיג, איך קום דיר פערצייהען
איך וויל דיך פערלאָזען, איך וויל דיך בעפרייען, —
ווי קום איך, אַן אויסוואורף, אין עלענד געשלאָסען,
פערלאַנגען מיין מייסטער׳ס אַ זוהן פאַר אַ חתן?

פון די בערג

אויף די אללעגייניע־בערגער *)
זעהט זיך אַ רואינע; —
דאָרטען ליגט אַן איינגעפאל'נע
אַלטע קוילענמינע.

און ניט ווייט פון דיעזער חורבה,
איינזאַם און פערלאָזען,
שטעהט אַ שטיבעלע אַ קליינע
צווישען ווילדע גראָזען.

דאָרטען פלעגט דער אַלטער בערגמאַן
רוה ביי נאַכט געפינען;
דאָרטען פלעגען זיפצען קלינגען,
שטילע טרעהרען רינען.

דאָך די וויסטע קוילענמינע —
דאָרט איז בלוט געפלאָסען.
אונטען ליעגט דער גוטער אַלטער
און זיין טאָכטער'ס חתן.

---

*) די אללעגיינע בערג געפינען זיך אין פענסילווייניע און ווירדזשיניא שטאאטען און זיינען זעהר רייך אין קוילען מינעס.

און זיין פרומע, שעהנע טאָכטער,
אך, וואָס קען זיין ערגער?
וואַנדעלט מיט אַ גייסט אַ קראַנקען
אויף די שטומע בערגער.

איינזאם לעבט זי צווישען שטיינער,
אָהן אַ טרייסט, אָהן האָפען;
שפּעט ביי נאַכט נור אויף דער מינע
ווערט זי שטיל אַנטשלאָפען.

דאָך ווי גיך זי שלאָפט נור איין דאָרט
שפּיעלען די כּלי זמרים,
און איהר טאַטע, און איהר חתן
עפענען די קברים.

און מיט זיי די בערג־לייט אלע,
אלע מיט געזאַנגען...
און ניט ווייט דאָרט פון דעם קלויסטער
הערט מען דומפּפע קלאַנגען.

שטום אַנשוויגען, ווי דער קבר,
שוואַרץ און בלוט בעגאָסען,
נעהמט אין אָרעם זיין געליעבטע
דער פערקיהלטער חתן.

גלייך טרעט צו דער אַלטער טאַטע,
דורכגעבערענט מיט וואונדען,
וויינט און בענשט די קינדער זיינע,
זיפצט און ווערט פערשוואונדען.

דאָ פערשטומען די כלי זמרים
און די גלאָקען אַלע, —
אַלעס שווינד'ט און שווייגט; עס בלייבען
נור די חתן־כלה.

און זיי בלייבען און זיי טאַנצען
רוהיג; קיינער שטערט ניט.
ביז עס גיט אַ וואונק פון ערגעץ,
און דער חתן ווערט נים.

דאָ שפּרינגט אויף דעם טויטען'ס כלה:
„אָ, די מענשענשעכטער!"
און פערשווינדעט אין די בערגער
מיט אַ ווילד געלעכטער.

ניט זוך מיך...

ניט זוך מיך וואו די פויגעל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
אַ שקלאַוו בין איך, וואו קייטען קלינגען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו די מירטען גרינען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
וואו לעבענס וועלקען ביי מאַשינען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו פאָנטאַנען שפּריצען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
וואו טרעהרען רינען, צייהנער קריצען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַץ.

און ליעבסט דו מיך מיט וואַהרע ליעבע,
טאָ זוך מיר דאָרטען אויף, מיין שאַטץ!
און הייטער אויף מיין הערץ די טריעבע,
און מאַך מיר זים מיין רוהע פּלאַץ.

פערדינען...

(צו א מיידעלע).

וואוהין, וואוהין, דו שעהנעם קינד?
די וועלט איז נאָך ניט אָפען!
אַ, זעה, ווי שטיל דאָ איז אַרום!
פאַרטאָג, די גאַסען שטעהען שטום, —
וואוהין, וואוהין, אזוי געשווינד?
יעצט איז דאָך גוט צו שלאָפען:
די בלומען טרוימען דאָך נאָך — זעהסט?
עס שווייגט נאָך יעדער פייגעלנעסט, —
וואוהין פאָרט טרייבט עס דיך אצינד?
וואו לויפסטו, זאָג, בעגיענען?
„איך געה פערדינען!“

וואוהין, וואוהין, דו שעהנעם קינד,
'זוי שפעט ביי נאַכט שפּאַצירען?
אַליין דורך פינסטערנים און קעלט?
און אלעם רוהט, עס שווייגט די וועלט, —
וואוהין פאָרט טראָגט עס דיך דער ווינד?
דו וועסט דאָך נאָך פעראירען.

קוים האָט דער טאָג דיר ניט געלאַכט,
וואָס קען דיר העלפען דען די נאַכט?
זי איז דאָך שטום און טויב, און בלינד.
וואוהין מיט לייכטען זינען?
„איך געה פערדיענען“....

ליעבע און אָרעמקייט

זי איז אַ דיענסט ביי רייכע לייט,
און ער אַ „האַנד“ אין אַ פאַבריק,
און קומט דער אָבענד, קומט דאָס גליק —
אָ, זי דערוואַרט שוין קוים די צייט.

ער קומט אריין צו איהר אין קיך
און גיט אַ קוש און כאַפּט אַ „ביס“.
מען טאָר ניט וויסען ווער ער איז,
און דער וויזיט מוז זיין אויף גיך.

דער קעסעל זינגט... זי הערט זיך איין:
זיי וועלען הייראַטהען, און דאַן
איז זי דאָס ווייב און ער דער מאַן,
אַליין די בעלי בתים זיין.

זי מישט דעם פולען טאָפּ און טראַכט:
ער איז אַן אָר׳מער ארבייטער,
איהר אייג׳נער טאָפּ בלייבט אפשר לעער,
זי טראַכט און וואַכט די גאַנצע נאַכט...

שולמית

(פּאָעמאַ)

אויף אַ גרינבעגראָזטע וויזע,
ביי אַ זילבער־קלאָרען טייכעל,
רונד בעפּוצט מיט יונגע פּאַלמען,
איבער זיי די גאָלד׳נע זונן —

זיצט דעם מזרח׳ס שעהנסטע טאָכטער
ביי דעם קעניג׳ס רייכסטע סטאַדע;
זיצט שולמית, די פּאַסטושקע,
ביי די שעהנע, ליעבע שאָף.

קוים מאַכט אויף דער יונגער מאָרגען
זיינע גאָלד׳נע, זיסע ברעמען,
אויף די פעלדער גרין און טויאיג,
ווערט בעגריסט ער פון איהר בליק.

און דער אויפגעוועקטער הימעל
צינדט זיך אָן, ווי פלאַק׳ריג פייער,
פון איהר שעהנקייט; און פאר ליעבע
ווערט דער טאָג צוגליהט און היים.

און דער פרישער, גרינער וואַלד כאַפּט
פלוצלונג אויף זיך אַ פערליעבטער,
און ער פרעגט דורך טוויזענד פויגעל
אויב נאָך שעהנערעס איז פאַראַן.

און דער גאַנצער גאָלד'נער מזרח
ענטפערט „ניין" איהם, און די הויכע
שטאָלצע פאַלמען זאָגען „ניין" איהם,
„ניין", זאָגט די נאַטור אַליין.

איהר צו מאָלען איז אַ פּריפונג,
איהר צו שילדערען — אונמעגליך!
וועלכער פּינזעל! וועלכע פעדער!
וועלכע קינסטלער! וועלכע קונסט!

לאָקען ווי געקרויזטע שטראַהלען,
שפּרייטען זיך אַרום אַלבאַסטער
קלאָרע, אָבגערונדיגטע, געשניצטע,
פיין געגלעטע שולטער צוויי.

די פיגורע שטאָלץ און פאַלמיג,
אויסגעגאָסען איז אַ ווייסקייט
אויף די קונציג אָבגעטאָקטע,
סאַמעט־גלאַטע שוואַנענהאַלז.

שוואַרצע קאַרשען־אויגען גלאַנצען
איבער צוויי קאַרלענרויטע
באַקען, איבער פורפור־רויזע
ליפּען, פריש ווי אַנהויב מאַי.

אין איהר מינע טהראָנט דאָס לעבען,
רוהט די פרייד פון אלע וועלטען,
אין איהר בליק — אַ געטליך פייער
וועקט צום הימעל'ס העכסטע לוסט.

און די רייכסטע קרוין פון מזרח,
פון דעם קליגסטען קאָפּ געטראָגען,
ליעגט צו איהרע פיס געבויגען
האַלב פערדונקעלט, גאַנץ פערשעמט.

דען געזאָגט האָט מען דעם קעניג
פון דער וואונדער־שעהנע מיידעל,
און ער זעהט זי, און פערליעבט זיך,
און ער ציטערט און ער רעדט:

„אלע בלומען פון דעם שרון,
פון דעם זתים אלע עהלבערט,
אלע צעד'רען פון לבנון,
כרמל, חרמון, זיינען מיין!

„דורך מיין וואונש און דורך מיין ווילען
ווערט געפלאַנצט און אויך געריסען,
העלדען, פירסטען, פרינצען קניען
פאַר מיין וואָרט — עס מוז געשעהן!

„צו די פויגעל אין דער לופטען
רייד איך, צו די ווילדע חיות.
אי דעם נאַכטיגאַלען־טרילער
קען איך, אי דעם ברום פון לייב.

„ווילדע גייסטער, וועלכע הערשען
אין די לעערקייט פון די וועלטען,
רוף איך מיט מיין וואָרט, זיי קומען,
קומט דער שטן מיט זיין ווייב.

„אין מיין חכמה לייכט דער הימעל,
און די גרינע וויזען דופטען
אין מיין זינגען; מיינע אוצרות
זיינען פיעל און אָהן אַ גרונד.

„מיט בריליאַנטען צאָהל איך, קרוינען
שיינק איך, מלוכות טהייל איך....
שלמה איז מיין נאָמען, מיידעל,
און דו פיטערסט מיינע שאָף.

„אין דעם שרון פון דיין הארצען
וויל שפּאַצירען מיין נשמה,
אין דעם טוי פון יענע בלומען
וויל זיך טובל זיין מיין גייסט.

„ליעבעס־דורסט פערברענט דאָס הערץ מיר,
נור דער לאַבונגדיגער נעקטאַר,
וואָס בעטויהט די פּורפּור־רויזע
ליפּען דיינע, לעשט מיין בראַנד".

* * *

דאָך עס האָט זיך ניט געבויגען
אַ נשמה פאַר אַ סצעפּטער,
פאַר אַ שווערד די ריינע אונשולד
און אַ הערץ פאַר אַ מאָנאַרך.

ליעבע קויפט מען ניט פאַר קרוינען,
בלומען, וואָס אין הערצען בליהען,
ווען אויך ביי אַ פּאַסטוך־מיידעל,
רייסט דער שטאַרקסטער קעניג ניט.

און געענטפערט האָט די שעהנע:
„גרויסער הערשער, אייער הויכקייט,
ווערט ערלויבען מיין נשמה
אייך צו זינגען וואָס זי פיהלט".

און אַלבאַסטער־קלאָרע פינגער
האָבען אוים די זיסע סטרונעס
פון אַ שעהן־געשניצטע האַרפע
אויסגעקושט דאָס שעהנע ליעד:

„אונטער די בערגעלאך
פיטערט אַ פּאַסטוכיל,
היט זיינע טשערעדעס,
לוסטיגע רינדער.
ער איז דער ליעבליכסטער,
ער איז דער טהייערסטער,
ער איז דער שעהנסטער פון
אירדישע קינדער.

„ער איז פון טויזענדע
אויסערוועהלט — איינער נור!
פּונקט ווי די צעד׳רען
אין גרינעס לבנון.
ליעבער פון פּרינצען און
קעניגע, טהייערער
איז מיר מיין ליעבער פון
מילי מיליאָנען.

„בעסער פון לאָבונגען
זיינען דעם ליעבענדענ'ס
זיסע, געווירציגע
קושען צו טרינקען.
הימלישע וואוילטאָגען
פיהל איך, ערקוויקונגען,
שטיל אין זיין הייליגען
אָרעם צו זינקען.

„דאָרט וואו זיין אָטהעם וועהט
פיהל איך אַ זעליגקייט;
דאָרט וואו זיין בליק ערשיינט —
אייביגעם לעבען.
זאָגט מיר, איהר שעפעלעך,
הערצענס פערטרויטעסטע:
קען מיר דער הימעל נאָך
העכערעס געבען?

„זאָגט מיר, איהר בערגעלאך
גרינע און שעהנינקע,
ליעבינקע פייגעלאך,
רעדט פון דער לופטען!

קען איך מיין הארציגען
אויסבייטען? ענטפערט מיר!
איהם, מיין איין איינציגען,
גינגאָלד געפּרופטען?

„שוין, דאַכט מיר, הער איך איהם
צווישען די צעדערען!
זינגענדיג, שפּאַנענדיג
בערגער, — מיין ליעבער!
ציטער ניט, הארץ מיינעם!
פיבער ניט, פלאַטער ניט,
זאָנסט שטאַרב איך ליעבענדיג,
טראָג דאָס ניט איבער".

* * *

און פערשעהמט האָט זיך דער קעניג:
„זי פערטוישט מיך אויף אַ פּאַסטוך!
און ער האָט זיין וועה געטראָגען
אויף די פּאַרפּיומירטע בערג.

יהודית און הלפורנש

(פּאָעמא)

פון די אַלטע, אַלטע בלעטער
הערט זיך אַ פערשטיקטער קול,
וואָס דערצעהלט אונז ווי אַמאָל,
ווען בעזיעגט האָט גאָט די געטער
און בעזאָרגט זיין פאָלק מיט רעטער
און מיט נסים אָהן אַ צאָהל —
ווי אַמאָל האָט אונז אַ שעהנהייט
דורך איהר ליעבע און איהר ריינהייט,
אין אַ טרויעריגע צייט,
פון אַ גרויסע נויט בעפרייט.

* * *

זאַמד און ערד — דעם שונא'ס ריעזען!
אשור שיקט איהר גאַנצע מאַכט.
ווי די בליצען דורך דער נאַכט
לייכטען שווערדען, בלאַנקען שפּיעזען,
דאָך אַ פרוי האָט זיך בעוויעזען, —
גאָט האָט טיעף אין איהר ערוואַכט.

זי איז פרעכטיג ווי דער שרון
צום בעזיעגען נור געבאָרען,
ציון'ס שעהנסטע, זיסטע בלום:
לייב און זעעלע אָהן אַ מום.

אַן אלמנה איז די שעהנע,
און זי איז בעריהמט אין שטאָדט;
גאַנץ מיט מענשען און מיט גאָט.
אין יהודה איז זי איינע:
שעהן און רייך, און פרום ווי קיינע,
און איהר וואָרט איז אַ געבאָט.
זייט זי איז אַליין געבליעבען,
ווייגט זי אויף איהר מאַן דעם ליעבען,
האָט די וועלט פאַר איהר קיין ווערט
און זי נייגט איהר קאָפּ צו דר'ערד....

איינזאם זיצט זי אין איהר חדר,
זי דערוויטערט זיך פון פוץ.
קיין זאַך האָט פאר איהר קיין נוץ,
פיעל בריליאַנטען, רייכע קליידער,
דאָך פאר וועמען? ליידער! ליידער!
זי געניסט ניט פון איהר גוטס.

איצטער קלאָגט די גאַנצע אומה,
און יהודית קלאָגט, די פרומע!
שוין בעשלאָסען איז דער בראַך:
אַנצונעהמען אשור׳ס יאָך.

* * *

עס שטעהען די זקנים
און קוקען צושראָקען,
און שאָקלען די קעפּ
מיט די זילבערנע לאָקען,
און קוקען פערפינסטערט
ארונטער צו דר׳ערד:
„ווי ברעכט מען אַ אומה?
ווי גיט מען זיך אונטער?“
עס פאַלען די טרעהרען,
די הייסע אַרונטער
און ווערען פערלאָרען
ביי זיי אין די בערד.
עס סטראַשעט דער שווערד!

עס קומען פערוויינטע
כהנים געגאַנגען,
עס קרעכצען לויים
פערצאַגטע געזאַנגען:

„דער דורשט און דער הונגער" —
אַ שרעקליכער קאַר!
עס נעהמען די העלדען
אומזיסט די כלי זיין,
זיי וועלען דאָס לאַנד מעהר
ניט קענען בעפרייען.
עס רייסען די פרויען
פון קאָפּ זיך די האָר.
די ענדע איז קלאָר!

און עוזיה, דער עלטסטער
פון בתול קומט צורייטען.
דעם גאַנג פון זיין פערד
קען דער עולם פון ווייטען.
ער קומט אָן, דער זקן,
מיט ניי'ם פון דער שלאַכט:
„מיר זיינען פאַרלאָרען,
דאָך מוז עס געוועהרען,
נאָך עטליכע טעג, און
ועט גאָט אונז ניט הערען,
דאַן מוזען מיר פאַלען,
דאַן זינקט אונזער מאַכט
אין אייביגע נאַכט".

גליווערענדיג ווי די שטיינער,
ריהרט דאָס פאָלק זיך ניט פון אָרט,
קיינער וואַגט צו ריידען, קיינער!
און עס כליפּען נור די וויינער...
פלוצלונג הילכט אַ שטאַרקעס וואָרט:

„פאַלען אָדער טריאומפירען
זאָל דאָס אויסערוועהלטע לאַנד!
ווילט איהר אונזער גאָט פּרובירען,
אויב ער קען מלחמה פיהרען,
אויב עס דיענט איהם נאָך זיין האַנד?

„ווייסט איהר דען ניט, אַז זיין בויגען
גילט איהם איצט נאָך ווי אַמאָל?
הייבט נור אויף צו איהם די אויגען,
ער וועט העלפען, איהר וועט טויגען,
וואונדער טהוט ער אָהן אַ צאָהל.

„האָט ער ניט דעם ים געשניטען
און געפיהרט בעפרייטע קנעכט?
איז ער ניט פאַראוים געריטען,
וואו מיר האָבען נור געליטען
און געהיט אונז דורך די נעכט?

„וואָס איז אשור מיט איהר גבורה
און די מאַכט פון אַ טיראַן?
וואָס האָט חיל ביי איהם אַ צורה?
קוקט ער נור, איז זייער קבורה,
און זיי זיינען נישט פאַראַן.

„איך בין נור אַ ווייב אַ שוואַכע,
דאָך, מיין פאַנציר איז מיין גאָט!
פאַר מיין לאַנד פערלאַנג איך ראַכע.
טיעפער, העכער, גייסטער פלאַכע!
האַנד אין האַנד, אויף גאָט׳ס בעראָטה.

„גאָט האָט מיר געשיקט אַ זינען
און זיין ליכט איז אין מיין בליק.
די געדאַנקען מיינע שפּיענען....
וואַרט, איך וועל זיך דאָ געפינען,
האָפט צו גאָט, איך קום צוריק.....

„וואו איך געה, דאַרף איך ניט זאָגען,
דאָס פערבלייבט מיט מיר אַ סוד.
נור ניט וויינען, ניט פערצאָגען!
גאָט איז שטאַרק, מיר וועלען שלאָגען —
איך פערלאָז אַצינד די שטאָדט.

„שטיל, דער קאמפּף פערלאנגט קיין טרויער.
זעהט, מיין ברוסט איז פעסט ווי שטאָל!
הייסט מיר עפענען דעם טויער!
שטעהט און וואַרט נאָך קורצען דויער,
און איהר הערט צוריק מיין קול...“

און יהודית איז אַנטשוויגען,
נור דאָס פאָלק האָט גלייך געקניעט:
„אמת רעדט איהר צונג, קיין ליעגען,
געה, געבענשטע, דו וועסט זיעגען, —
נעהם אַ הייסע ברכה מיט“.

* * *

אויף אַ בעט פון גינגאָלד,
אַנגעזועצט ווי רויגען
מיט אבנים טובות,
ליעגט דער העלד הלפורנש
פירסטליך אויסגעצויגען.

פון די אויגען שטראַהלען איהם
גבורה, שטראהלט נצחון, —
ער איז אשור׳ס אָרעם,
שטעדט האָט ער פער׳מדבר׳ט,
פעסטונגען געבראָכען.

„מאָרגען פאַלט יהודה!“
מורמעלט קאַלט דער קריעגער,
און בעטראַכט זיין דעגען
מיט געשאַרפטע בליקען,
ווי אַ ווילדער טיגער.

„מאָרגען פאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט גיסען
ווי די שנעלע וועללען
פון דעם אַלטען ירדן,
וועלכע אונטען פליסען.

„מאָרגען פאַלט יהודה,
און זיין בלוט וועט רינען.
מיטלייד וועט ער בעטען,
אשור וועט ער הערען,
איהרע געטער דיענען...“

* * *

פערל אין די האָר און
גינגאָלד אין די קליידער.
שטעהט יהודית שטראַהלענד
אין הלפורנש חדר.

דריי מעת לעת פערגאַנגען
זייט זי איז געקומען, —
זי האָט איהם געפאַנגען,
זי האָט איהם גענומען.

אין דעם שונא׳ם לאגער
שטעלט זי איין דאָס לעבען.
פלענער איהם געוויעזען,
עצות איהם געגעבען....

און דער העלד, — אַ גלויבער,
רעדט צו איהר מיט גוטען.
הערשט אויף איהם איהר צויבער,
ברענען איהם די בלוטען....

וויינען הייסט ער ברענגען,
טהייערע געטראַנקען,
און אַ זינד פערבאָרגען
ליעגט אין זיין גדאַנקען....

און ער טרינקט אַלץ מעהרער,
אום זיין בראַנד צו שטילען,
דאָך זיין זינד ווערט שווערער
און ער הויבט אָן ציעלען:

„געהט, פערבלייבט דאָ קיינער.
לאָזט מיך, שוואַרצע ראָבען!
לאָזט מיך מיט דער שעהנער,
לאָזט זיך מיך דערלאָבען!“

און יהודית שמייכעלט,
קיהלט זיך מיט איהר פעכער,
און זי גיסט גע'שכל'ט
בעכער איהם נאָך בעכער....

שוין בעפאַלט אַ דרימעל
דעם בערוישטען טיגער:
„גרויסער גאָט אין הימעל,
זאַי ישראל'ס זיעגער!“

א י ה ר וויל ער דערגרייכען,
ו ו י י ן האָט ער געטראָפען,
און ער איז געפאלען,
און איז איינגעשלאָפען...

. . . .

שאַרף איז דער שווערד און געשליפען,
זי האָט איהם ערגריפען!

טרעט זי צום בעט מיט אַ שרעקען,
זי זאָל איהם ניט וועקען:

„ער זאָל מיין פאָלק ניט פערדאַרבען,
דער שונא זאָל שטאַרבען!"

איצטער פערשליסט זי די טיהרען,
מען זאָל ניט דערשפּירען!

נייגט זי דעם אויער צום הערען, —
אַ סוף זאָל דאָס ווערן!

ס'בליצען די אויגען און שטראַהלען...
אַ קאָפּ איז געפאַלען!

. . . .

דאָבעלט פינסטער איז די נאַכט,
און דורך אשור'ס שוואַרצע רייהען
געהט אַ פרייד צו היילען וועהען,
געהט יהודית שטיל און זאַכט
בערג אויף, בערג אָפּ,
און טראָגט אַ קאָפּ.

פינסטער שוועבט זי דורכ'ן פעלד,
מיט אַ מורא, מיט נצחון!
אשור'ס יחוס איז געבראָכען:
טוידט איז איהר געוואַגטער העלד.
זיין אייג'נער שווערד
האָט איהם צושטערט.

„מאַכט מיר אויף דעם טויער גיך,
עפענט, שוועסטער! עפענט, ברידער!
גאָט איז גרויס, ער ברענגט מיך ווידער, —
דאָס בין איך! בין איך! בין איך! —
בעגריסט דעם פריינד
און יאָגט דעם פיינד!“

שיר השירים

נאָכגעדיכטעט

צווייטער טייל

פאָרוואָרט צו „שיר השירים“.

„שיר השירים“, — אין דייטש רופען זיי עס „דאָס האָהע ליעד“, דאָס הייסט אין אונזער מאַמע־לשון: דאָס הויכע ליעד, דאָס געהויבענע ליעד. אמת, שיר השירים איז טאַקע אַ געהויבענע מייסטער־שטיק, פיעלייכט דאָס געהויבענסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור פון ליעבע־ליעדער; דאָך איז דער דייטשער נאָמען ניט די ריכטיגע איבערזעצונג פון די העברעאישע ווערטער „שיר השירים“.

ווערטערליך און טרעפענד איז איבערזעצט דער ענגלישער נאָמען פון דיעזען ביבלישען פריהלינג „סאָנג אָוו סאָנגס“, דאָס ליעד פון ליעדער. דאָס איז ריכטיג איבערגעגעבען די בע־דייטונג פון די העברעאישע ווערטער „שיר השירים“.

דאָס דאָזיגע געהויבענע ליעד איז אין גרונט גענומען דאָס, וואָס מען רופט אין דער מוזיק „פּאָטפּורי“ — אַ בינטעל פער־שיעדענע מעלאָדיען צונויפגעצויגען אויף איין גאָלדענעם שנור פון מוזיק. מען דאַרף נור דורכלעזען איין קאַפּיטעל שיר השירים אום צו זעהן, אַז עס „קלעפּט ניט“, אַז דאָס איז אַ זאַמלונג פון פערשיעדענע ליעבע־ליעדער, איינגעטיילט אין קאַפּיטלען.

עס זיינען שוין דאָ מאַנכע ניט־געלונגענע איבערזעצונגען פון שיר השירים אין אידיש. די איבערזעצער האָבן גע־זוכט צו זיין געטריי צום העברעאישען טעקסט און דאָס האָט פיעל געשאַד'ט זייער איבערזעצונג. מאַנכער איבערזעצער האָט אויך געזוכט איינצוטיילען די איבערזעצונג זיינע אין נייע קאַפּיטלען, לויט איינענעם געשמאַק, דאָס איז איהם אָבער ניט געלונגען.

איך האָב זיך נור בעמיהט איבערצוגעבען די נשמה פון דעם שיר השירים, דעם אָריענטאַליש־פּאָעטישען האוך, אָבער ניט די ווערטער. די ווערטער אין אידיש קענען ניט אַזוי רייך קלינגען, ווי די זעלביגע ווערטער אין דער פּרינצליכער שפּראַך פון דער ביבעל. איך האָב איינענטליך שיר השירים ניט איבערזעצט נור נאָכגעדיכטעט. דאָס איז אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך טהאָן אין אַזאַ פאַל, ווען מען מיינט צו בלייבען גע־רעכט צום אָריגינאַל און געבען די לעזער כאָטש אַ שטיקעל בע־גריעף פון די שעהנקייט און דעם לוקסוס־רייכען שוואונג פון דער פערליעבטער אידישער זעעלע אין די פעלדער פון ארץ ישראל. איך האָף, אַז זאַכפערשטענדיגע מענשען וועלען קוקען מיט מילדע בליקען אויף מיין דורכאויס ערנסטע אַרבייט. זיי וועלען נעהמען אין אָנבעטראַכט מיין גוטע כונה און מודה זיין, אַז איך האָב געזוכט מיט אַן אמת צו בערייכערען אונזער פאָלקס־שפּראַך און בריינגען דעם עולם נעהנטער צו די אונשאַצבאַרע אוצרות פון אונזערע הייליגע שריפטען. וואָס די איינטיילונג פון די קאַפּיטלען אָנבעטרעפט, האָב איך זיי געלאָזען ווי אין דער ביבעל, וואו זיי זיינען איינגעטיילט צום בעסטען.

ריידענדיג וועגען „שיר השירים" איז כדאי צו בעמערקען, דאָס פרומע ביבעל־פאָרשער, אידען אַזוי גוט ווי קריסטען, זיינען

ניט שטארק צופריעדען מיט דעם געדאנק, אז דער דאָזיגער ביבלישער בוך זאָל בעשטעהן פון פשוט'ע ליעבע־ליעדער, ווי מענשען פערשטעהען דאָס. היתכון, אז די, וועלכע האָבען צו־נויפגעשטעלט די פינף הייליגע ספרים, זאָלען אריינגענעהמען אין זיי אזא „טרפה" זאַך, ווי ליעבע? דאָס קען דאָך ניט געמאָלט זיין! מן הסתם ליעגט אין דעם דאָזיגען „שיר השירים" עפּעס א מין בעהאַלטענער, הייליגער געדאנק; עפּעס א מין קבלה, וואָס מוז אנדערש פערטייטשט ווערען.

די קריסטליכע טעאָלאָגען טייטשען דארום אויס, דאָס די געליעבטע פון „שיר השירים" איז די קירכע און דער געליעב־טער — יעזוס קריסטוס. די אידישע רעליגיעזע געלעהרטע, ווידער, ווילען האָבען, אז די געליעבטע שולמית איז די כנסת ישראל, דאָס יודענטהום, און דער געליעבטער, שלמה — כביכול, גאָט אליין; אז ער איז פערליעבט אין יודענטהום און געהט אויס נאָך איהר...

מיר, אָבער, זיינען שטערבליכע מענשען, וואָס ווילען זיך ניט דולען מיט אויבער המציאות. פאר אונז איז גוט גענוג, אז „שיר השירים" זאָל זיין א זאמלונג פון אידישע ליעבע־ליעדער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרען פון אידישען פאָלק אין די פעלדער און וויינגערטנער פון ארץ ישראל. מיר גלויבען, אז די פשוט'ע ליעבע, ווי דאָס פאָלק פערשטעהט דאָס, איז הייליגער, געטלי־כער און אייביגער, ווי אלע אריינגעטייטשטע כונות און פשט'לאך פון רעליגיעזע קאָפּ פערדרעהער. ליעבע איז אין גרונט גענומען נאָך א נאָמען פאר שעהנהייט, ליעבען און אייביגקייט. ליעבע איז געווען די כונה פון דער בעשאַפונג. מיט ליעבע האַל־טען זיך די עלעמענטען, פערטראָגען זיך איינע מיט די אנדערע. ליעבע האלט אויף דעם גאנצען אוניווערז. מיט ליעבע דרעהען

זיך די שטערען אַרום דער זונן. ליעבע איז די גראַוויטאַציע, וואָס הערשט אונטען און אויבען, און נאָר בטלנים און כניאָקעס פערמישען ליעבע מיט ליידענשאַפט און פערקרימען די נאָז אויף די געטליכע פרייד פון לעבען. עס זיינען דאָ אין „שיר השירים“ מאַנכע ערטער, וואָס שיינען פאַר אונזער ציוויליזאַציע „צו אָפען“, צו פריי אַרויסגערעדט; ערטער, וועלכע ציניקער וואָלטען וועלען אויסטייטשען לויט זייער לינקען געשמאַק, ווי זיי געפעלט, און וועלכע פרומאַקעס ווילען טאַקע דערפון גופא דרינגען, אַז דאָ ליעגט אַן אַנדער כונה, אַ בעהאַלטענער אויבער־געדאַנק. אָבער ביידע, אי די ציניקער אי די פרומאַקעס האָבען אַ טעות.

זיי דאַרפען ניט פערגעסען, ערשטענס, אַז אַט די דאָזיגע ליעבע־ליעדער זיינען געזונגען געוואָרען אין דעם זוניגען אָריענט, וואו מען ליעבט הייסער, שטאַרקער ווי אין אונזערע לענדער. צווייטענס, דאָס די דאָזיגע ליעדער זיינען געשאַפען געוואָרען מיט טויזענדע יאָהרען צוריק, ווען מענשען האָבען געהאַט אַן אַנדער מאָראַל, האָבען זיך אַנדערש אויסגעדריקט, אַנדערש גע־דענקט און אַנדערש געפיהלט.

עס איז נאַרעש און קרום צו זוכען אין „שיר השירים“ לינקע אָנצוהערעניסען, און אויב דאַרט געפינען זיך אפילו יאָ אַזעלכע שורות, דאַן זיינען זיי אויך ניט געשריעבען געוואָרען צוליעב לינקקייט, מען האָט דאַן פשוט אַזוי גערעדט, אַזוי זיך אויס־געדריקט. „שיר השירים“ איז פאָזיטיוו דאָס ריינסטע, הער־ליכסטע און ערהאַבענסטע ליעבע־ליעד פון אַלע צייטען און נור דערפאַר איז דאָס אַריינגענומען געוואָרען אין דער ביבעל, וואו דאָס וועט לעבען ביז אין אַלע אייביגקייטען.

מאָררים ראָזענפעלד.

דאָס ליעד פון ליעדער

א.

— אָ, קוסט ער מיך דעם ליעבעם קוס —
הייליגער גענוס!
דאָס שמעקט ווי וויין.
דיינע זאַלבען דופטען פיין;
טייערער עהל איז דיין שם;
מיידלאך ליעבען דיך פאַר דעם.
ציה מיך נאָך דיר,
איך לויף דיר נאָך
מיט ליעבעם קאָך,
מיט ליעבעם קלאַמערען
אין דיינע קאַמערען,
מיט פריילּיכקייט אָהן שיעור
פערברייינגסט דו ליעב מיט מיר.
שווארץ בין איך, דאָך קלאָהר,
ירושלים׳ס טעכטער איהר;
ווי קדר׳ס צעלטען גאָר,
דאָך וויים, פול ציער
ווי שלמה׳ס גאַרדינען,
זעלטען צו געפינען.

ניט קוקט וואָס איך בין שוואַרץ:
מיך האָט פֿערברענט די זונן;
דאָך ליכטיג איז מיין האַרץ.
עס האָבען מיין מוטערס זיהן
געבראַכט מיך דאָרט אַהין
צום ווייגבערג, און
מיך דאָרט אַלס היטערין געשטעלט.
איך האָב געליטען —
איך האָב פֿערפֿעהלט
מיין אייג'נעם בערג צו היטען.
זאָג מיר, ליעבסטע פון מיין זעעל,
וואו פּיטערסט דו,
פֿערליעבט, ציטערסט דו
צו מיטאָג־צייט?
אויף פֿעלדער ווייט
אויף פֿעלדער העל,
צוואָס זאָלען מיינען לייט,
אַז איך לויף נאָך די סטאַדען
פון דיינע קאַמ'ראַדען?

— ווייסט דו עס ניט,
דו שעהנעם ווייב
מיט זונען־לייב?

געה נאָך די טריט
פון די שעפעלאַכס פיס
פון די ציקעלאך זיס,
ביי די שעפערס צעלטען
בין איך ניט זעלטען.
צו דער קלאַטש' אין פרעה'ס וואָגען,
מיט וואונדער־חן געטראָגען,
גלייך איך דיך, ליעבסטע מיין.
שעהן זיינען דיינע באַקען; פיין
דיינע קייטעלאך
און קוויטעלאך,
און פון דיין האַלז די קאַרעלען
זיינען מיר געפעלען.
גאָלדענע קייטעלאך, פליטערלאך
פון זילבער מאַכען מיר אַ סך
פאַר דיר אַליין,
דיך צו ציערען,
דיך צו פיהרען
רייצענד שעהן.
דער קעניג ווײלט; ער שטעהט
מיט זיין בעגלייט.
און מיין נאַרד, בעוועגט,
האָט אויפגעשמעקט.

— אַ בינטעל מירהע, בחיר,
איז מיין ליעבסטער מיר.
צווישען מיינע בריסטען
רוהט ער צום זיסטען,
באַלזאַם איבער מיר.
פון עין גדי׳ס גאָרטען,
(וואָס חן׳ט זיך דאָרטען)
אַ שטיינגעלע, וואָס קוויקט,
דיין דופט בעגליקט.

— שעהן ביזט דו, ליעבסטע מיין,
פול שאַין;
אויגען — טויבען גלייך.

— ליעבסטער, דו ביזט רייך
אין שעהנקייט, און זיס,
אַ פּאַראַדיז!
און פריש און גרין
דעם פעלד׳ס טאַפּעט,
יאַ, אונזער בעט;
מיר ליעגען דרין
מיט זיסען זינן.
אונזערע שטיבער,
ליעבער,

זיינען צעדער־בוימער,
מזרח־טרוימער,
ציפּרעסען אונזער גאַלעריע,
פול הימעל־דופט, פול פּאָעזיע.

ב.

— איך בין די ליליע פון שרון,
איך בין די רויז פון טהאָל:
צום דופטען נור געבאָרען,
צו שיינען אַלע מאָל.

— ווי די רויז צווישען דערנער־רוימען,
איז מיין געזעלענטע צווישען פרויען,
נאָך פיעל שעהנער!

— ווי דער עפּעל־בוים צווישען וואַלד׳ס בוימען,
איז צווישען מענער
מיין געליעבטער,
מיין האַרץ־געקניפּטער;
אין זיין שאָטען גלוסט איך נור צו זיין,
ווי וואָלט איך דאָרט אַריין!
זיינע פרוכט
וואָלט איך פערזוכט
מיין זעעל׳ גיי אויפצובויען.
האָט אין וויינ־הויז מיין געליעבטער
מיך געפיהרט, דאָרט אויבען־אָן;
און איבער מיר געפלאַטערט
האָט זיין ליעבעס פאָהן.

אָ, קרעפטיגט מיך מיט טרויבען־זאַפט,
מיט עפּעל לעהנט מיך אונטער!
אָ, גיט מיר קראַפט
און מאַכט מיך מונטער,
מאַכט מיר אַ פרוכט־געשאַנק,
דען איך בין ליעבע־קראַנק.
זיין לינקע האַנד אונטער מיין קאָפּ,
און מיט זיין רעכטע, פרום,
נעהמט ער מיך אַרום,
האַלזט און לאָזט ניט אָב...
איך בעשווער אייך,
ירושלים׳ס טעכטער, גלייך
ביי די הירשען אין דעם פעלד,
ביי די גאזעלען:
וועקט די ליעבע ניט
ביז זי ערגליהט,
ס׳איז איהר אַליין געפעלען,
יאָ, ביז עס איהר אַליין געפעלט.
אָה, די שטים
פון איהם!
ער קומט, דער ליעבסטער, שנעל
ווי אַ גאַזעל,
שפּרינגט איבער בערג,

און איבער שפּיצען בערג, ער היפּט
פונקט ווי אַ הירש, וואָס איז פערליעבט.
אָט שטעהט ער שוין הינטער'ן וואַנט
(זיין בליק איז מיר בעקאַנט);
דורך די פענסטער לוגט ער,
דורך די גראַטען קוקט ער,
רופט מיין געליעבטער צו:
„אויף, ליעבסטע דו!
אויף, ליעב, ניט רוה,
קום, לאָמיר געהן!
דער ווינטער איז פערביי,
עס שפּראַצט אַ יונגער מאַי,
ס'איז שעהן!
דער פויגעל זינגט,
דער רעגען ברינגט
קרייטיכער; עס ווערט
בעניייט די ערד.
די צייט געקומען איז
פאַר ג'זאַנג,
פאַר קלאַנג.
די טויב, זי וואָרקעט זיס
און מאַכט בעקאַנט
איהר אָנקומען אין לאַנד.

דער פייגענבוים קנאָספּט, ער בליהט;
דער ווײנשטאָק גרינט; עס ציהט
אַ בשמים׳דיגער דופט
אין פריהלינגס לופט.
שטעה אויף, געליעבטע שעהן,
אויף, אויף און לאָמיר געהן!
אָ, טויב דו מיין!
אין פעלזען־שפּאַלט
אין פערבאָרגענהייט׳ס שטאַפּעל,
ווענד צו מיר דיין שוואַרץ־אַפּעל!
און דיין געשטאַלט
זאָל ענטפּלעקט מיר זיין!
ווי וואָלט איך גערן
דיין שטימע הערען!
דען דיין שטים איז זיס,
(אַ פּאַראַדיז),
דיין ג׳זיכט איז פּראַכט,
צום קושען געמאַכט!"
פאַנגט אונז די פיקסלאך, די פיקסלאך די קליינע,
וואָס פערדאַרבען די בליהונג די שעהנע,
דען אונז׳רע ווײנבערג בליהען
און זיי׳רע דופטען ציהען.
מיין ליעבסטער איז מיין,

און איך בין זיין —
דער אונטער רויזען פּאַש'ט ;
ביז דער טאָג פערראַשט,
ביז די שאָטענס ווייכען
ווענד זיך אום
צו מיר און קום!
זוך זיך צו פערגלייכען
צום הירש, צו דער יונגער גאַזעלע
די פלינקע, די שנעלע,
וואָס קיינער קען ניט גרייכען
אויף די בערג, אויף בתר'ס הייכען.

ג.

— אויף מיין געלעגער ביי נאַכט
זוך איך דעם, וואָס מיין זעעל איהם גליהט.
איך קוק זיך אַרום, איך בעטראַכט,
איך זוך און איך געפין איהם ניט.
איך וועל אויפשטעהן,
אין שטאָדט צו געהן,
אין מאַרקען און אין גאַסען זוכען
דעם, וואָס מיין זעעלע ליעבט,
און איז אָן איהם פערקניפט.
איך זוך איהם אויף יעדען טריט
און געפין איהם ניט.
קומען מיר אנטגעגען
די היטער, וואָס דרייען זיך אום אין שטאָדט;
נעהם איך זיי פרעגען:
„זאָגט מיר, אויב איהר האָט
מיין ליעבסטען אפשר ערגעץ וואו געזעהן,
דעם, וואָס איך ליעב מיט אַ ברען?“
קוים בין איך זיי פערביי,
טרעף איך דעם ליעבסטען פון דאָס ניי,
האָב איהם דערטאַפּט,
געכאַפּט,

איהם צוגעהאַלטען
מיט ליעבעס־געוואַלטען
און איהם ניט אָבגעלאָזט.
„ליבסטער, האָסט
אין מיין מוטער׳ס הויז קוואַרטיר,
אַן אָרט פאַר דיר“.
אין מיין מוטער׳ס צימער
בלייבט ער אימער.
ברייננ איך איהם אַריין
מיט מיר צו זיין.
איך בעשווער אייך,
ירושלים׳ס טעכטער, גלייך
ביי די הירשען אין דעם פעלד,
ביי די גאַזעלען:
וועקט די ליעבע ניט
ביז זי ערגליהט,
ס׳איז איהר אַליין געפעלען,
יאָ, ביז עס איהר געפעלט.

— וואָס איז דאָס? וואָס שטייגט
פון דער וויסטע? וואָס צייגט
זיך פונקט ווי זיילען רויך
פול דופטיגען האוך,

ווי מירהע און ווייהרויך פיין,
פון בשמים־קרעמערס אַלערהאַנד
געווירצען פון לאַנד,
געוואַקסען אין ליכט און שיין?

זעה! שלמה'ס בעט אַרום מיט מאַכט
געגורטע זעכציג העלדען שטעהען,
צו זיין בעפעל
די שטאַרקסטע פון ישראל,
און זיי'רע שווערדען וועהען,
זיי בעבליצען איהם,
בעשיצען איהם
פאַר שרעקען פון דער נאַכט.
דער קעניג שלמה מאַכט זיך אַ וואָגען שטאָלץ
פון פרעכטיגען לבנון־האָלץ;
די זייטען — זילבער;
דער אַנלעהן — גאָלד;
די זיצען — פורפור אויפגעראָלט;
אין מיטען פוץ־ווערק רייך,
ווי די ליעבע ריין,
ווי די ליעבע שעהן,
צו ירושלים'ס טעכטער גלייך.

ציון׳ס טעכטער, קומט אַרויס
און זעהט ווי שעהן, ווי גרויס
עס איז דעם קעניג שלמה׳ס קרוין!
דאָס האָט איהם געקרוינט
זיין מוטער, יאָ, בעלוינט.
דאָס איז אַן אייגענס, איז אַ הון,
צו זיין חתונה־טאָג געגרייט,
צום טאָג פון זיין הארצענס־פרייד.

ד.

— זעה, מיין ליעבסטע, דו ביזט שעהן!
יאַ, פול מיט חן!
דורך דעם שלייער דיינעם בליקען
די אויגען. זיי קוויקען,
ווי טויבען פרום און קלאָר.
ס'הענגט דיין געלאָקטעם האָר
פון שעהנעם קאָפּ,
ווי אַ לעמער סטאַד', וואָס ווערט
געפיהרט פון באַרג צו דר'ערד
מיט גראַציע שטיל אַראָב,
אַלץ שטופּענווייז.
דיינע צייהנער זיינען ווייס,
ווי אַ סטאַד' זיך צייגט,
ווען זי פון באָדען שטייגט.
געצווילינגט, גאַנץ, קיין מום אין זיי,
דיינע ליפּען פּורפּור־פעדים צוויי.
דיין שטימע העל,
בעלעבט די זעעל;
ווי צייטיגע גראַנאַטען בליצען
אַרוים פון די ריצען
און שימערענדע שליצען,

אזוי גליהען
דיינע באַקען און בליהען
אין דיין ציערליכען קאָפּ,
פון אונטער דיין יעדער צאָפּ.
ווי דוד'ס טהורעם, געבויט צום פּרייז,
ביזט דו שטאָלציג, שעהן,
פול גראַציע און פול חן
אין פולער פּראַכט.
יאָ, גלייך דעם טהורעם, וואו אין קרייז
טויזענד שילדען זיינען געהאַנגען
פון די מיט קאַמפּס־לוסט בעפאַנגען,
פון די גרעסטע העלדען,
וואָס טאַפּפער מעלדען
זייער מאַכט.

דיינע בריסט — הירשעלאך א צווילינג,
פול יוגענדס־פריהלינג,
פול פּאַרפומען,
וואָס פּיט'רען זיך אויף בלומען.
יאָ, ביז דער טאָג זיך קיהלט צום שיידען,
אין פריידען;
ביז די שאָטענס זיך פערלירען,
וויל איך מיט דיר שפּאַצירען,

געליעבטע, צום מירההענבארג, צו ווייהרויך׳ס
הייכען,

ביז די שטראהלען בלייכען.
שעהן ביזט דו, ליעבסטע, מענשענ־בלום,
שעהן, אָהן דעם קלענסטען מום!
קום מיט מיר פון לבנון, זיסע כלה,
קום מיט פון לבנון, שעהנסטע פון אַלע,
און לוג פון אמנה׳ס הייך,
פון שניר און חרמון׳ס הייך,
וואו לייביכעס ליעגען און ברומען,
וואו פאַרדעל־חיות קומען.
דו האָסט מיך בעהאַרצט,
שוועסטער כלה.
שעהנסטע פון אַלע,
מיט דיינעם אַ ליעבען בליק,
ווען דיין געלעכטער,
זיסטע פון טעכטער,
איז אויפגעשאַרצט
און ווייזט דיין העלען מוטה,
דיין פרייד, דיין יונגעם בלוט,
דיין גליק.
זיסער ווי באַלזאַם איז דער דופט,
וואָס דורך דער לופט

האוכט פון דיינע זאַלבען וויעדער,
פון דיינע ליפען, דיינע גליעדער;
מילך און האָניג אונטער דער צונג דיר ליעגען;
דיינע קליידער שמעקען אַ פערגעניגען;
דיינע ריחות דערמאַהנען
דעם דופט פון לבנון.
ביזט אַ גאָרטען, פערשלאָסען, פערריגעלט,
מיין טרייסט, אַ ברונען פערזיעגעלט.
וואו דו האָסט געבויט, געפלאַנצט,
מיין ליכטיגע,
מיין ציכטיגע,
דאָרט דער גראַנאַט־עפּעל גלאַנצט.
דאָרט שמעקען
און וועקען
די עדעלע פּאַרפומען
פון נאַרד און ציפּער־בלומען;
און זאַפ׳רין, צימערונג און נעגעלאַך,
און יעדער בשמים׳דיגע זאַך,
און קאַלמוס, בעז און לאַרבערען דערביי —
אַ הימעלישער, געבענשטער מאַי!
צווישען רוישט דער סאַד־קוואַל העל,
פון דעם לבנון שנעל.

— וואַך אויף, נאָרד־ווינד, און קום!
זיד־ווינד, דורכוועה מיין גאָרטען!
זאָל'ן שמעקען די ג'ווירצען אַרום,
די ג'ווירצען דאָרטען.
מיין געליעבטער זאָל צו זיין גאָרטען קומען
לאָבען זיין גומען,
די פרוכט פליקען,
עסען און זיך קוויקען...

ה.

— אין גאָרטען בין איך געשטיגען,
און געקראָגען מיין פערגעניגען:
כ׳האָב פון מיין מיררהע געפּליקט,
זיך געקוויקט,
פון מיין וויין,
פון מיין מילך און מיין האָניג גענאָסען.
חברים, קומט אריין!
די טיהר איז אויפגעשלאָסען.
טרינקט, בערוישט זיך, געליעבטע,
לכבוד דער געליעבטע!
איך שלאָף, אָבער מיין זעעלע וואכט.
איך פערנעהם מיט אמאָל
מיין פריינד׳ס ליעבען קול.
אָ, הארץ, דורך דונקעלער נאַכט!
„עפען, איך קום,
די שוועסטער, די פריינדין, די טייבעלע
זים און פרום.
פול טוי דער קאָפּ,
יעדער צאָפּ,
די האָאר, דער צוקאָפּען
פול נאַכטיגע טראָפּען".

„כ׳האָב אויסגעטהאָן דאָס קלייד,
מיין טייערקייט, מיין פרייד,
איך קען זיך איצט ניט פוצען,
מיין לעבען זים.
כ׳האָב אָבגעוואַשען די פים,
ווי זאָל איך זיי פערשמוצען?“

דאָ שטעקט דורך די גראַטען אריין
מיין ליעבסטער זיין האַנד;
נעהמט ווילדער זיך בעוועגען
מיין הארץ איהם אנטקעגען.
כ׳שטעה אויף אין לייכטען געוואַנד;
די טיהר זאָל אָפען זיין!
דאָך מיינע פינגער בעגאָסען
מיט מיררהע; זיי טריפען, און מיין האַנד
פול מיררהע אויף דעם ריגעל׳ס ראַנד.
איך האָב איהם אויפגעשלאָסען,
די טיהר איז אָפען.
דאָך, אך! איהם האָב איך ניט געטראָפען:
ער איז אַוועק.
איך האָב געהערט מיט שרעק
זיין טייערעס ריידען,
און ניט געזעהן זיין שיידען.

נון, האָב איך די זיסע שטאָטור
געזוכט, דאָך געפונען ניט;
ניט מעהר קיין שפּור
פון זיינע טריט.
דאָ האָבען מיך די שטאָדט־וועכטער געפונען,
מיך געשלאָגען.
אין וועה, אין פּלאָגען
איז מיין אָר'מעס בלוט גערונען.
האָבען גערעד'ט שטרענגע רייד,
צוריסען מיין שלייער־קלייד.

ירושלים'ס טעכטער איהר!
ווען איהר געפינט איהם מיר,
דעם ליעבען מאַן,
מיין טייערען געשאַנק,
טאָ זאָגט איהם דאַן,
אַז איך בין ליעבע־קראַנק.

— וואָס איז, דו טיעף בעטריעבטע,
דיין ליעבסטער מעהר ווי אַנד'רע געליעבטע?
דו פּרעכטיגסטע פון די פרויען,
אפשר קענסט דו אונז פערטרויען,

וואָס איז דיין געליעבטער אַזוי,
וואָס דו זוכסט איהם מיט אַ „אוי“?
וואָס האָסט דו אַזוינס פערלאָרען,
וואָס דו האָסט אונז אַזוי בעשוואָרען?

— מיין ליעבסטער איז רויט און ווייס,
שעהנהייט'ס ערשטער פּרייז,
פון טויזענדע געצעהלט
און אויסגעוועהלט.
זיין קאָפּ איז גאָלד,
ראָבענ־שוואַרץ אַראָב געראָלט
זיין געלאָקטעס האָאַר,
די אויגען שווימען קלאָר
מיט אַ שטראַהל,
ווי טויבען אין אַ וואַסער־קוואַל,
אין ווייסער מילך, אין שוים
פון זייער איינפאַסונג זיצען
און לייכטען, און בליצען,
און לאַכען אַרוים;
די באַקען — צוויי באַלזאַם בעעטען,
בשמים־קווייטען;
די ליפּען — רויזען, וואָס טריפען אָהן ענד,
די טייערסטע מיררהע; די הענד —

עדעל־געשטיין,
וואָס קונסטרייך ציערען
דעם לייב; פון עלפענביין
געציערט מיט סאַפירען,
די שיינקעל פון מאַרמאָר געמייסטערט,
געגרינדעט אויף געשטעלען פון גאָלד.
איהם אָנצוזעהן בעגייסטערט.
ער איז אַזוי האָלד
ווי דער לבנון, און שטאָלץ
ווי דער צעדער, דער מזרח־האָלץ;
זיין גומען
איז זיסיגקייט,
איז פליסיגקייט,
מיט לעבענס־טוי פערשוואומען;
זיין גאַנצע שטאַטור —
אַ קונסט־ווערק פון נאַטור.
ער איז מיין פריינד, מיין ליעבסטער מיר,
אָ, ירושלים׳ס טעכטער איהר!

ו.

— וואו איז דיין געליעבטער אהין?
דו פון אלע פרויען די ציער,
וואו איז דיין געליעבטער אהין?
מיר וועלען איהם זוכען מיט דיר!

— מיין ליעבסטער איז געגאנגען אהין
אין דעם גארטען,
צו זעהן דארטען
דאס יונגע, עדעלע גרין,
צו פליקען די ליליען.
דארט האב איך דעם שטילען
מיט ליעבעס־געפיהלען
געפונען, געטהאן מיין זעעל איהם ענטבלויזען.
נון, בין איך זיין
און ער איז מיין.
ער פיטערט אונטער די רויזען.

— שעהן ביזט דו, צו תרצה גלייך,
אין פיינקייט רייך!
ווי ירושלים ליעבליך, דיין גראציעזער גאנג —
געפעהרליך ווי א זיעגרייכע ארמעע.

ווענד אָב די אויגען, העל און קלאָר,
זיי בעזיעגען מיך גאַנץ און גאָר.
עס וועהט דיין לאָקיגעס האָאַר
ווי אַ לעמער סטאַד׳, וואָס ווערט
געפיהרט פון באַרג צו ד׳רערד,
אַראָבלאָזענדיג זיך שטופענוויז.
דיינע צייהנער זיינען וויים,
ווי אַ סטאַדע זיך צייגט,
ווען זי פון וואַשען שטייגט,
בעצווילינגט, גאַנץ, קיין פעהלער ניט אין זיי.
דיינע ליפען — פורפור־פעדים צוויי,
דיין שטימע — העל,
בעלעבט די זעעל.
ווי צייטיגע גראַנאַטען בליצען
אַרוים פון די ריצען
און שימערדיגע שליצען,
אַזוי גליהען
דיינע באַקען און בליהען
אין דיין ציערדייכען קאָפּ
און לאָזען ניט אָב —
שעהן צו קוקען, זיך דערין צו ערבויען.
אויב זעכציג פירסטינען, אַכטציג פרויען,
אָהן צאָהל מיידלאך מיך לאָקען אַצינד,

איז עס דאָך די איינע,
די שעהנע, די ריינע,
די זיסע, די קליינע,
די טייב'לע, די פיינע,
די צאַרטע, די מיינע,
זי, איהר מוטער'ס איינציג קינד,
זי, איהר איינציג און ליעבעס קינד.
עס זאָלען די מיידלאך איהר זעהן מיט פערטרויען,
און מיט עהרפורכט איהר ערהויבען,
די פירסטינען און פרויען
איהר ריהמען און לויבען.

ז.

— קעהר דיך, קעהר דיך אום, שולמית!
לאָז אונז דאָך דיין פּנים זעהן!

— וואָס איז געשעהן?
וואָס ווילט איהר דען פון שולמית?
איהר ווילט מיך דען זעהן אין גלאַנץ
און היידנישע עהרע?
כ'בין קיין באַיאַדערע,
און טאַנץ קיין באַיאַדערען־טאַנץ.

— ווי שעהן, אָ, פירסטליכע, שטראַהלען
דיינע טריט אין די סאַנדאַלען!
געוועלבט דיין יעדער לענד!
מעגסט זיך מיט זיי פּראָלען
ווי אין קונסטפולע שנאָלען
געפאַרטיגט פון מייסטערהענד;
דיין נאָפּעל איז אַ בעקען רונד,
דאָרט פעהלט קיינמאָל קיין וויין;
דיין לייב — אַ ווייצענבערגעלע פיין.
דיין פּאָאָר בריסט אָנצוזעהן נאָר —
יונגע הירשעלאך אַ פּאָאָר,

וואָס ציהען און ציטערען,
און זיך אויף רויזען פיטערען.
דיין האַלז — אַ טהורם פון עלפענביין,
יאָ, דוד'ס טהורם שטאָלץ און הויך, און שעהן,
בעהאַנגען מיט טויזענד שילדען,
מיט טויזענד קריעגער־שילדען
פון די,
וואָס אין מלחמה־גליח
די הויפט גבורים בילדען.
און דיינע אויגען ריין און קלאָר
ווי חשבון'ס טייך,
ווי איהרע קרעניצעס גלייך,
ביי בת רבים'ס טהויער נאָר.
דיין נאָז — ווי דעם לבנון'ס שפּיץ
זיך הייבענדיג איבער דמשק'ס זיץ.
דיין קאָפּ — ווי דער כרמל אויף דיר,
דרויף די לאָקען פול ציער
ווי פּורפּור־נעצען אַראָב געהאַנגען,
וואָס האַלטען דעם קעניג געפאַנגען.
ווי שעהן דו ביזט מיט מילדקייט רייך,
אָ, ליעבסטע, אַ געשאַנק פול לוסט,
דיין וואוקס איז צו אַ שלאַנקע פּאַלמע גלייך;
צו וויינטרויבען — דיין ברוסט.

כ׳וויל אויף דער פּאַלמע שטייגען
און אָננעהמען די צווייגען...
עס זאָלען די בריסט מיר טרויבען זיין,
דיין אָטהעמ׳ס דופט — נשמה׳ס זאַך,
מיר שמעקען פּונקט ווי עפּעלאַך.
דיין גומען זיסער געגוס,
זיס ווי קוס,
ווי לאַבונגדיגער וויין.

— דער זאַפט געהט צום געליעבטען מיין,
צו איהם דער האָניגדיגער פּראַכט,
וואָס דער שלאָפענדער׳ס ליפען ריידען מאַכט :
איך בין ליעבסטענ׳ס, יאָ, בין זיין,
זיין קוש רוהט אויף מיר
מיט ליעבשאַפט אָהן שיעור.
קום, געליעבטער מיינער דו !
אין די דערפער לאָמיר איילען,
אין די דערפער לאָמיר ווייל ען ;
נון, אייל זיך גיכער צו !
מיר וועלען פריה אויפשטעהן,
צום וויינבערג וועלען מיר געהן,
זעהן אויב דער וויינשטאָק האָט אויפגעשפּראָצט,
אויב די קנאָספען זיך שוין וועבען ;

זעהן אויב די גראַנאַט־עפּעל־בליהונג גלאָצט
דאָרט וועל איך מיין ליעבע דיר געבען.
עס דופטען די פיילכען ליעבליך און צאַרט,
ביי אונזערע פּפאָרטען
יאָ, דאָרטען
שטעהן גרייט פאַר דיר
אָהן אַ שיעור
טייערע פרוכט פון יעדער אַרט.
ליעבעס־עפּעל און מאַנדאַרינען
האָב איך דערינען,
פּירות זיס אַ בחיר
בעהאַלטען האָב איך פאַר דיר.

ח.

— אָ, ווען דו וואָלסט זיין אַ ברודער מיר,
גענעהרט פון מיין מוטער׳ס ברוסט!
איך טרעף דיך דערוויסען אַן
און שטיעף מיט דיר לויט הערצענס־לוסט
און קיינער מיך טאַדלען קאָן.
איך קוש דיך און האַלז דיך דאַן,
דו ליעבער מאַן,
איך ברייננ דיך אין מיין מוטער׳ס הויז
און קרעדענץ אַ טיש דיר אוים;
איך שיינק דיר איין
געווירציגען וויין,
זאַפט פון גראַנאַטען גיעב איך דיר,
דיין לינקע ליענט אונטערן קאָפּ מיר,
און דיין רעכטע, וואָס שמעקט פּאַרפומען,
האַלט מיך אַרומגענומען.

— איך בעשווער אייך, ירושלים׳ס טעכטער איהר,
ביי די הירשען, די הינדינען אויפ׳ן פעלד:
ניט וועקט, ניט וועקט די ליעבסטע מיר
ניט איידער דאָס איהר אַליין געפעלט!

— ווער איז זי, וואָס קומט פון דער וויסטע
גענאַנגען,
איהר בוזים אויפ'ן ליעבסטען געהאַנגען?

— אונטערן עפּעלבוים דיך געוועקט האָב
איך;
דאָרטען האָט געבאָרען דיין מוטער דיך;
דאָרט האָט זיך ענטבונדען די מוטער דיין.

— לאָז מיך אַ זיעגעל־רינג זיין
אויפ'ן הארצען דיר!
לאָז מיך אַ זיעגעל־רינג זיין
אין אָרעם דיר!

— אַ, שטאַרק ווי דער טויט איז די ליעבע
און העפטיג,
אַ, שטאַרק ווי דער גיהנום איהר אייפערען
און קרעפטיג;
פייער־וואוטה,
געטליכער פלאַם איז ליעבעס־גלוט.
ליעבעס־גלוט לעשט ניט אויס
קיין וואַסער, ניט קיין ווילדע פלוט.

ווען איינער גיט פון זיין הויז
גאָר זיין גוט
און גאָר זיין גאָלד
פאַר דער ליעבע, איז דאָס ניט בעצאָהלט,
מען לאַכט איהם אוים,
מען וואָלט דאָס ניט געוואָלט.

לירישע לידער

פריהלינגס לידער

I

אריבער בערגער קומט דער מאַי,
דורך גרינעם וועבען.
ער פאַכט מיט זיינע פליגעל פריי
און וואַרפט מיט לעבען.

זיין אָטהעם איז דער מילדער ווינד,
וואָס שמעקט מיט בלומען,
די ערד ווערט פריש, די לופט ווערט לינד,
פול מיט פאַרפומען.

דער פויגעל טשוויטשערט אין דער לופט
און האַלט אין בענשען,
דער הויכער, בלאָהער הימעל רופט:
„גוט יום טוב, מענשען"!

II

התחדש דיר, דו שעהנע וועלט!
ווי רייך דו פוצט זיך אוים! —
דיין פנים לייכט, דיין בוזים קוועלט,
ווערסט שוין און ליעב, און גרוים.

דו ביזט פול רייץ אין גרינעם קלייד,
און רייך אין רויזענבאַנד,
און זיסע ליעדער, נייע פרייד
איז פול דאָס גאַנצע לאַנד.

און יונגע טעכטער, פיינע זיהן
בעווייזען זיך ביים שטראָם,
זיי טראָגען זייער סוד אַהין
צום וואַסערס טיעפען תהום...

ער וועט ניט אויסזאָגען אויף זיי,
און אַלץ פערשוויגען באַלד,
ער נעהמט אויף זייער ליעבעס וועה
און טראָגט דאס שטיל אין וואַלד.

III

איך קוק און זעה דאָס „ווערען",
און וויים ניט ווי דאָס ווערט;
איך קען נור זעהן און הערען,
פערשטעהן איז מיר פערשטערט.

איך זעה די בלומען בליהען,
און וויים ניט ווי דאָס בליהט;
איך זעה די שטערען גליהען,
און וויים ניט ווי דאָס גליהט.

איך זעה די וואַסערס רינען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס רינט;
איך זעה זיך לעבען שפּינען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס שפּינט.

איך הער די פויגעל זינגען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס זינגט;
איך הער דעם וואַלד ערקלינגען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס קלינגט.

איך זעה מיין אייג'נעם לעבען,
אוּן ווייס ניט ווי איך לעב;
איך פיהל אין מיר אַ שטרעבען,
אוּן ווייס ניט וואו איך שטרעב.

איך זעה די פיש, זיי שווימען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס שווימט;
איך הער מיליאָנען שטימען,
אוּן ווייס ניט ווי דאָס שטימט...

IV

וואָס ווייס דער מענש פוּן ווייטען?
וואָס ווייס דער מענש פוּן שטאָדט,
פוּן ליעדער אוּן פוּן לעבען,
פוּן פריהלינג אוּן פוּן גאָט?

וואָס ווייס דער מענש אין מויער
פון ציגעל און פון שטיין,
אין טומעלס גראָהען עלענד,
פון מאַי און פון זיין חן?

וואָס ווייס דער מענש, וואָס צאַפּעלט,
וואָס זעהט דעם הימעל קוים, —
פון בלאָהע פריהלינגס אבענדס
און פון מאַיאָווען טרוים?

וואו זעהט ער האָריזאָנטען
זיך קושען מיט דעם ים?
וואו זעהט ער גאָלד'נע עקען
אין אָבענדס זונענפלאַם?

וואו הערט ער דען די שירה
פון מעריב־צייט אין פעלד,
ווען פון די שטומע קוסטעס
א מעלאַנכאָליע קוועלט?

אַזוי ווער איך פערלאָרען
אין דעם גערויש פון גאַס,
מיין קאָפּ איז פול רעיונות
מיין טריבער בליק איז נאַס....

V

ווען דו ריכסט זיך אויף דעם פריהלינגס קומען,
זאַמעלסט שוין די כחות וואָס דו האָסט,
און אַנשטאָט די גרינסען און די בלומען
קומען פּלוצלונג אָן גאָר שנעע און פראָסט.

קוקסט בעטראָגען אויף די טויטע פעלדער,
בליקסט מיט וועה אויף דעם צושראָק'נעם באַרג,
הערסט קיין פּיפּס, קיין שלוקעכץ פון די וועלדער,
נאַטור איז ענגהערציג און קאַרג.

טיעף אין האַרצען אָבער ביזט דו זיכער,
אַז דער הימעל וועט נאָך ווערען קלאָר,
קומען מוז דאָך שפּעטער אָדער גיכער
יונג די שמעקעדיגע צייט פון יאָהר.

וועסט נאָך ליעבען, לאַכען, וועסט נאָך זינגען,
זיך נאָך באָדען אין דער גאָלד'נער שיין,
און אין דיין נשמה וועט צוקלינגען
גרין דער סוד פון „ווערען" און פון „זיין".

VI

גיט די זון אַ ברען
 ווערט דאָס טייכעל פריי;
שמעלצען שנעע און אייז,
 שפּראָצט דער בוים דערביי.

שפּראָצט דער בוים דערביי,
 בליהט דערביי די בלום;
קומט דער פויגעל באַלד,
 זינגט און פליהט אַרום.

זינגט און פליהט אַרום
 אין דער פרייער לופט;
שלינגט דעם יונגען שטראַהל,
 טשוויטשערט, וועקט און רופט.

טשוויטשערט, וועקט און רופט,
 לעבען ענטפערט אָב;
און דער מיעדער מענש
 הויבט אויף פריי דעם קאָפּ.

הויבט אויף פריי דעם קאָפּ,
 און קוקט אָן די וועלט;
גיט אַ לויב צו גאָט,
 אָטהעמט אויף און קוועלט.

אַטהעמט אויף און קוועלט,
וואָס ער האָט דערלעבט
זעהן ווי די נאַטור
ווידער ווירקט און וועבט.

ווידער ווירקט און וועבט,
ווידער לאַכט און שאַפט;
ווי איהר וועב־שטוהל רוישט
מיט אַ נייע קראַפט.

מיט אַ נייע קראַפט,
מיט אַ פריש געזאַנג;
מיט אַ נייע לוסט,
מיט אַ נייעם קלאַנג.

מיט אַ נייעם קלאַנג
דורך דעם יונגען גרין;
וואָס בעלעבט דאָס הארץ,
מינטערט אויף דעם זינן.

מינטערט אויף דעם זינן,
הייטערט אויף דעם גייסט;
און די זעעלע שוועבט
און דער דמיון שפרייזט.

VII

דער פויגעל אויפ'ן בוים,
ער זינגט און רופט ארויף;
דער יוגענדס ליעבער טרוים —
דער מאי לעבט ווידער אויף.

דאס טייכעל ווידער גלאנצט
און ווינקט, און שיינט און רעדט.
דער זשוקעל ווידער טאנצט,
און זשומעט א מאי־געבעט.

די זון שפאציערט אין גאלד,
דער טאג איז דאפּעלט שעהן; —
נאטור האט לעבען האלד
און קליידט איהם אן אין חן.

דאס בלימעל שפּאלט די ערד,
און בליקט ארויס און לאכט;
דער הימעל העגגט פערקלערט
אין טיעף־לאזורנעם פּראכט.

מיך פריים און מאטערט שטיל
דעם יאוש'ם קאלטע שלאנג;
עס סם'ט מיר דעם געפיהל:
„דאס דויערט גאר ניט לאנג“.

VIII

יונגע בליצען, ערשט געבאָרען,
דורך דעם פערצוויג'נעם הימעל צוקען,
ווערענדיג אין לופט פערלאָרען,
און כמאַרעס זיך אויף כמאַרעס רוקען.

אויף די בערג די דונערס ראָלען,
עס סטראַשעט מיט אַ ווילדען רעגען;
ס'איז, ווי נאַטור וואָלט זאָרנעס מאָהלען,
דאָרט ערגעץ וואו פון אים'צענס וועגען.

ס'ווייזט דער בליץ די פייער־ציינער,
עס קראַכט, עס ברומט מיט כעס און צאָרען,
ס'געהט אַ שוידער דורך די ביינער,
עס שרעקט די וועלט: זי ווערט פערלאָרען.

ווילדע ווינדען פייפען, וועהען
דורך בעזע דונערען און בליצען;
וועה די, וואָס דערוועגענס געהען
און האָבען זיך ניט וואו צו שיצען.

זיסע אַרבוטען*)

זיסע אַרבוטען, אָנזאָגער פריהלינגס,
אײדער די רויז בליהט, לאַכט איהר שוין פריי;
שיקט איהר שוין ריחות איבער די פעלדער,
שמעקט איהר מיט הימעל, אָטהעמט מיט מאַי.

פלאַנצט אײך ניט קײנער, קומט איהר ווי כשוף,
קומט איהר די ערשטע פוצען די ערד;
איז אונז צו קוויקען, אונז צו בעגליקען,
באַלד אָנפאַנג וויאַסנע אײך נור בעשעהרט.

אמת, איהר ווײלט ניט, מוזט שנעל פערבליהען,
דאָך אײער בשורה לעבט אויף דעם מענש;
דאַרום בעגריסט אײך איצט מײן נשמה,
זינג איך אַ ליעד אײך, לויב אײך און בענש.

רײך זײנען רויזען, ליעב זײנען ליליען,
פײן זײנען פײלכען, שעהן יעדער בלום,
דאָך ווער קען וואַרטען ביז זײ ערשײנען?
איהר גיט די ערשטע חן און פאַרפום.

---

*) זיסע אַרבוטען, אָדער ווי די ענגלישע פאַרמערס רופען זײ: „סוויט אַרבויטאַס“, זײנען די ערשטע שמעקעדיגע בלומען אין פריהלינג.

זומער

אַ גאָלד׳נע זון אין בלויען בויגען
און גאָלד׳נע זאַנגען אויפ׳ן פעלד;
עס קוקט אַראָב מיט גאָלד׳נע אויגען
דער הימעל ליעב אויף אונזער וועלט.

די קערנער צייט׳גען אין די זאַנגען,
די עפּעל — אויף דעם גרינעם בוים;
די פויגעל צוגיסען זיי׳רע קלאַנגען,
פערטרויענדיג דעם זומער׳ס טרוים.

אַלץ, וואָס דער פויער האָט שטיל בעגראָבען
אין קאַלטער ערד מיט זאָרג און מיה,
קומט איצט די מענשהייט צו דערלאָבען,
פול ליכט און פראַכט און פּאָעזיע.

* * *

עס וואַקסט און קוועלט,
בעלעבט די וועלט.

* * *

די סעדער וואַכען,
די וויעזען לאַכען,

די גערטנער ריידען
מיט טויזענד פריידען,
די פעלדער זאָגען
וואָס זיי פערמאָגען
און וואָס זיי טראָגען
אין זייער שויס;
זיי האָבען לעבען
אַוועקצוגעבען,
זיי האָבען גליקען
אונז צו דערקוויקען.
עס קומט פערמעגען
אויף אלע וועגען
פון אונזערטוועגען —
מיר ווערען גרויס...

* * *

ס'איז יעדער בעעט אַ קצין
און פראָלט זיך מיט זיין גוטס;
די גרינע בערגער גלאָצען
אין צויבערפולען פוץ.

די זילבער־טײַכען גלאַנצען,
די וועלדער זײַנען ג׳דיכט;
די ווײַסע וועללען טאַנצען
אין רײַנעם זונענליכט.

די שניטער־מײדלעך זינגען
אין רײַפער גריקע העל;
די בלאַנקע סערפּעס קלינגען,
ס׳קלינגט יעדער פֿויגעל־קעהל.

ס׳איז אַלץ אין „זײַן" בעהאַוועוּנט,
יאַ, אַלץ מיט לעבען פֿול;
נאַטור האָט אָבגעדאַוועוּנט,
און געהט שוין באַלד פֿון שול...

דער זומער־טאָג

דער טאָג איז זשאַר און פלאַמען,
די הייסע, פייערדיגע שטראַהלען
פון אָנגעצונד׳נעם הימעל פאַלען.
ס׳פאַלען גיהנום׳דיגע ים׳ען
אַראָב אויף דער אָרעמער ערד,
וואָס ליעגט אין היץ און פרעגט, און קלעהרט:
„וואָס ברענט מיר און בראָט מיר, דיין טהראָן?
וואָס האָב איך, זאָג מיר, דיר געטהאָן?
פאַרוואָס אָט די ברענענדע פּלאָג? —
פערענטפער זיך, דו זומער־טאָג!“

וואָס נוצט, ערד, דיין פרעגען?
איך בין דאָך נור אַ טאָג אַ שטילער;
צו ברען איך, צו בין איך אַ קיהלער,
צי האָב איך פלאַם, צי רעגען —
דאָס קומט אַלץ פון אויבען אַראָב...
פון הימעל, און ניט פון מיין קאָפּ.
עס ווערט בעשטימט אין ליכט און שיין
ווי איך זאָל קומען און זיין.
עס נוצט ניט, ערד, דיין גוואַלד, —
אַ טאָג וועט קומען, דו וועסט זיין קאַלט...

דער שטראָם

עס אײַלט זיך דער שטראָם דורכ'ן טהאָל
אונ רוישט, אונ ברומט, אונ רעדט.
צו איז דאָס זיין געזעגען־ליעד?
צו איז דאָס זיין געבעט?

זאָגט ער דאָס צו זיין היימאטהס־באַרג
זיין „זיי־געזונד" אין געהן?
צו זאָגט ער תהלים, דער עלענדער,
מיט אומעט אונ געוויין?

צו פרעגט ער ווען אויף זיין וועג
ווי וויט ס'איז נאָך זיין גאַנג?
צו זינגט ער אויף זיין וויטען טראַקט
אַ וואַנדערער'ס געזאַנג?

צו פרעגט ער ביי די בוימער אָן
אַוואו זיין סוף וועט זיין?
צו וועלכער טייך עס טרייבט איהם רק
אונ וואו ער פאַלט אריין?...

בלומען

די קנאָספּען צופּלאַצען, די בלומען
מיט ליעבע שמייכעלס און פאַרפומען
דעם הימעל, דעם בלאָהען, בעגריסען.
און גייסטרייכע, דופטיגע טרעלען
זיך גיסען און פליסען, און קוועלען,
די לופט מיט געזאַנגען פערזיסען.

די קנאָספּען צופּלאַצען, די בלומען,
געהילט אין ליכט און חן זיי קומען,
ווי יונגע נשמה׳לאך רייגע.
דער שמעטערלינג זעהט זיי און ראשט שוין,
די ביהן, זי דערזעהט זיי און נאַשט שוין —
עס קלינגען די ליעדער די שעהנע.

די קנאָספּען צופּלאַצען, די בלומען
מיט גאָלדענע שטראַהלען פערשוואומען,
זיי לייכטען און שמעקען, און גלאַנצען.
די זעעלע דערזעהט זיי און הויבט זיך,
עס פיהלט זיך, עס האָפט זיך, עס גלויבט זיך,
און גאָט זינגט אַ שירה די פלאַנצען.

שמעטערלינג

שמעטערלינג, שמעטערלינג,
דו ביזט אַ וואָרים געוועזן,
ווי קומסט דו, זאָג, צו פליעגלען —
קאָלירט און וואונדערשעהן?

שמעטערלינג, שמעטערלינג,
אַ, וואָרים, וועלכער קריכט!
ווי פליהסט דו, זאָג, אויף רויזען?
ווי באָדסט דו זיך אין ליכט?

שמעטערלינג, שמעטערלינג,
דו פלאַטערער, אָהן רוה —
וועל איך אויך שפּעטער ווערען
זון'ם ליעבלינג פונקט ווי דו?

שמעטערלינג, שמעטערלינג!
בלייב איך אַ וואָרים נאָר?
און שפּעטער ווער איך בלאָטע,
און דאָס בין איך און גאָר?...

דער טייך

וואָס קלעהרט דער טייך און רעדט
דאָרט אין זיין זילבער־בעט ?
וואָס מורמעלט פריה און שפּעט
זיין וואַסער ? — וועלכע ווערטער ? —
וואָס ליעגט ער טאָג און נאַכט,
און קוקט צום ליכט און לאַכט ?
וואָס איז ער אָפּט פערטראַכט ?
וואָס רעדט ער און וואָס קלעהרט ער ?

ווער ווייס איהם וואָס ער קלעהרט,
וואָס פאַר אַ סוד ער הערט,
פיעלייכט גאָר וואָס עס ווערט
פון ערד און לעבען טראַכט ער ;
פיעלייכט גאָר קלעהרט דער טייך
אַז אַלץ פערגעהט צוגלייך,
דעם סוף פון מיר און אייך,
און פון אונז אלע לאַכט ער ?...

און אפשר איז זיין לאַך
פאַר זיך אַליין אַ שפּראַך,
וואָס רעדט און זאָגט אַ סך,
וואָס ענגעל נור פערשטעהען ;

ער ווייס פּיעלייכט דעם סוד
פון מענש און וועלט, און גאָט,
און קוקט מיט שטילען שפּאָט
אויף אונז׳רע פריייד׳ן און וועהען?

דער פּאָעט

אויף גאָלדענע וועגען שפּאַציערט דער פּאָעט,
בעגלייט פון אַ שטראָם מיט פּאַרפומען,
דאָס ליעד, וואָס ער זינגט, און די שפּראַך, וואָס ער רעדט,
בעשטעהען פון בליהענדע בלומען.
זיין טרוים איז לעבען און אייביגקייט,
זיין בליק איז ווייטער ווי זיין צייט...
און וואָס איהם אַרט, און נאָגט, און קוועלט,
דאָס איז דער שמערץ פון אונזער וועלט...
די נאַרען ווייסען ניט זיין מיין,
די שלעכטע וואַרפען איהם אַ שטיין,
און ער, געהילט אין ליכט, ער געהט,
געבענשט פון דעם, וואָס איהם פערשטעהט;
יא, פאָראויס געהט ער, פאָראויס דאָך,
און די געשיכטע געהט איהם נאָך.

די צייט

כ׳געדיינק נאָך גאַנץ גוט איידער אלץ איז געשעהן.
כ׳געדיינק איידער גאָט איז אַ גאָט נאָך געווען,
און איז אויפ׳ן וואַסער געשוואומען פערקלעהרט,
פון קיינעם געליבט און פון קיינעם געעהרט;
כ׳געדיינק נאָך, ווי איצטער, דעם וויקעלשנור,
אַוואו ס׳איז געלעגען די גאַנצע נאַטור,
דער מענש און די וועלט, און דער צוועק, און דער שטרייט,
קיין זאַך איז ניט עלטער פאר מיר, — איך בין צייט!
און ווען אָט דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ, וועט ניט זיין,
פערשווינדען ווי רויך וועט די פרייד, ווי די פיין,
דער געליבטער, דער ליבער און די ליבּ,
דאָס ג׳וואָר׳נע וועט זיין פערגעסענהייטס שטויב,
פערגעהן וועט אַלצדינג אי לאַנד אי לייט,
וועט אין דעם טיעפען תהום זיך געהן,
אָהן געלעכטער און אָהן געוויין,
גאַנץ גלייכגילטיג איך אַליין —
די צייט!...

צו די טעג

אָט ווי איהר זייט שלעכט, בעזע טעג,
דאָך וויל איך ניט איהר זאָלט פערגרינגען.
כ׳קען מעהר אייך צוריק ניט געווינען,
אָהן אייך ווערט מיר קירצער מיין וועג.

עס זיינען ניט בעסער פון אייך
אויך אייערע יורשים די נייע.
זיי זיינען מיר אויך קיין געטרייע, —
איהר שטראָמט פון דעמזעלביגען טייך.

אָ, איילט ניט אַוועק אַזוי שנעל!
יאָ, ציהט זיך און שלעפּט זיך וואָס מעהרער!
אָהן אייך ווערט צו זיין דאָ מיר שווערער;
עס ווערט פון מיין לעבען אַ תל.

אָ, דויערט נאָך לענגער אַ וויילע!
איהר וועט סיי ווי סיי דאָך פערשווינדען
אַזוי ווי אין סטעפּע די ווינדען, —
טאָ וואָס איז מיט אייך, זאָגט, די אייל?

טרוים און ווירקליכקייט

אַט זיינען מיר קינדער געווען,
אַט זיינען מיר עלטערען גאַר.
ווי גיך דאָס איז, דאַכט זיך, געשעהן!
אַ חלום, און דאָך איז דאָס וואָהר.

אַט האָבען מיר יונגוואַרג געשטיפט,
אַט שטיפט אונזער אייניקעל גאַר.
דאָס לעבען, עס טריפט און צוטריפט,
אַ חלום, און דאָך איז דאָס וואָהר.

אַט וויעגט מען אַ וויעגעלע דאָ,
אַט גראָבט מען אַ קבר שוין גאַר!
אַ בליק, און מען איז שוין נישטאָ.
אַ חלום, און דאָך איז דאָס וואָהר.

היינט וואָס לוינט דאָס האָווען? דו פלוט!
דער סוף איז דאָך זיכער און קלאָר.
דאָס דויערט נור אַלץ אַ מינוט.
אַ חלום, און דאָך איז דאָס וואָהר.

שלאָף

אָ, שלאָף, דו בעסטער פריינד פון מענשען,
ווי מוז איך לויבען דיך און בענשען!
ביי דיר בין איך פון וועה פערבאָרגען,
בעהאַלטסט פון מיר די לעבענס זאָרגען,
וואָס נאָגען, דריקען מיך און פרעסען,
געבענשטער שלאָף! דו מאַכסט פערגעסען.

אין דיין טיעף־שוואַרץ פערשטריקטער הילע,
אין דיינע שטומע וועלטען, שטילע,
אויף דיינע שאַטענהאַפטע וועגען,
פערפלאָנטערטע, פערוויגטע שטעגען,
פערגעס איך ערד׳ס פערוויסטען שימעל,
די פאַלשע ערד, דעם פאַלשען הימעל.

אין דיין שויס, שלאָף, איז זיס צו ליעגען,
דיין כשוף איז אַ פערגעניגען,
דיין אָטהעם — ג׳זונד, הילף און פריעדען,
ערקוויקונג פאַר דעם לעבענס־מיעדען,
בעהאַלטסט פון מענשען׳ס בליק די וועהען,
דערשלאָגסט די טעגליכע געשרייען.

ווען דו, שלאָף, האָסט אַזאַ מין תּרופה
פאַר קלאָג, טאָ וואָס האָט טויט שוין גופא?
דען דיין הילף קומט נור אויף אַ ווייל׳ע,
דו קומסט ווי לעבען, קומסט אין איילע,
דער טויט האָט אָבער מעהר געוויסען,
ער לאָזט אויף אייביג רוה געניסען...

און דאָך דערווייל, שלאָף, מלאך גוטער,
דערווייל ביזט דו מיין צווייטע מוטער!
דו שלעפערסט איין מיין שוואַכען וועזען,
איך בין געהיילט, איך בין גענעזען,
כ׳פערגעס מיין זיפצען און מיין האָפען
ווי גיך, אָ, שלאָף, איך ווער אַנשלאָפען.

מיין טיש

חברים, ווען די שעה וועט שלאָגען,
עס וועט זיך ענדיגען מיין לעבען,
איהר וועט מיך צום בית עולם טראָגען
די לעצטע מנוחה מיר צו געבען,
טאָ נעהמט דעם טיש, וואו כ'האָב געשריעבען,
וואָס איז פער'יתום'ט שטעהן געבליבען,
וואָס האָט געטריי געדיענט מיר יאָהרען,
און מאַכט פון איהם פאַר מיר אַן ארון.

איך האָב זיך איבער'ן טיש געבויגען
אין אַלערליי פערצאָגטע שטונדען,
האָב נעבען איהם געבלענדט די אויגען
אויף אייגענע און פרעמדע וואונדען...
מיין טיש, מיין אר'מער טיש מעג שווערען
ווי היים עס פלעגען מיינע טרעהרען
אויף זיינע קאַלטע ברעטער רינען,
ווען איך פלעג מיינע ליעדער שפינען.

אַן ארון פון מיין טיש וועט האַלטען
מיך וואַך אין קבר'ס שוואַרצע רינגען,
און דורך דעם פינסט'רען טויטס געוואַלטען
וועל איך פון מענשענליעבע זינגען.

מיין אַלטער טיש וועט הערען וויעדער
דורך נאַכט און שרעקען מיינע ליעדער,
מיין זעעלע וועט דאָרט ציטריג שוועבען,
זי וועט דאָרט אייביג, אייביג לעבען.

ניט זאָרג, מיין טיש! ניט האָב קיין ליידען!
איך וועל דיך דאָ ניט איבערלאָזען,
וועל קיינמאָל זיך מיט דיר ניט שיידען,
צומאָל ניט אונטער ערד און גראָזען.
אין גרוב, וואו מען וועט מיך פערשאַרען,
וועט אויך אויף דיר אַ מלאך האַרען,
צוזאַמען וועלען מיר פערבלייבען,
ווי איצט, ביי דיעזע ציילען שרייבען.

פינסקי־מזל פרעסס, אינק.
446
84 בויערי, ניו יאָרק.

אינהאלטס פערצייכניס:

	זייטע
אין פריהלינג	7
אין וואלד	9
דער וואלד בעהאלט	10
אין מאי	11
בעזיעגט	13
אין קארידאר	14
זיסע מינוטען	15
צוריק פון פעלד	17
ביים בוים	18
בערג און וואלד	19
מאדאנא	22
די שעהנסטע בלום	23
לעבען און טויט	24
נעבען וואסער־מיהל	25
א ווייב	26
אלץ דורך דיר	27
א חלום	28
איהר קומען	29

זייטע

צדקה 31
באַלד 32
דו פערגעסט 33
גנבות 34
מיינע מתנות 35
געפונען 36
ניט פאַר מיר 37
אין ערוואַרטונג 38
אַ שאָד 39
צו שפּעט 41
זי לאַכט 43
נור דער ווייס 44
זעלמאַ 45
ווי וואויל איז מיר 46
ווי אַזוי 47
די שכינה 48
אויף צו־להכעיס—קושען און ליעדער 49
די לבנה 50
מענש אָדער בלום 51
ביזט מיינע 52
דו מיינסט 53
מעג איך האָפען ? 54
דו פאַלשעס ווייב 55

זייטע

דער פֿאַטשטאַליאָן 56
פֿאַר מיר 57
די געליעבטע 58
איך האָב געזעהן 59
דער מאָנד 60
אויפ׳ן טייך 61
בוים און מענש 62
פערשלאָפען 63
איך בין דיין 64
איך בין נור א מענש 65
פֿאַנטאַזיע 67
ווער, אויב ניט דו 68
ליעבע 69
איין ליכטיגער פונקט 70
מיט ליעבע 71
דער אמת׳ער צוועק 72
שטענדיג ביי דיר 73
דיין געטליכקייט 74
זיי ריידען פון דיר 75
ווי די זונן 76
איך האָב דיך האָלד 77
היפּנאָטיזירט 78
ביזט שטאָלץ 79

זייטע

ניט שרעק זיך 80
אויפ'ן טייך 81
פאטא מאָרגאַנאַ 82
אומזיסט 84
אויף דער לאָנקע 85
צו אַ מיידעל 86
צו אַ פויגעל 87
מיר שווייגען 88
זכרונות 89
עס שמייכעלט 92
אָבגענארט 93
דו האָסט אַ צווייטען 94
דו האַלטסט זיך גרויס 95
אבענד־צייט 96
מיר ווערען אַלט 98
אויף דער עלטער 99
אַלטע שולדען 101
צו שפּעט 102
ניטאָ; לאָמיר כאפּען 104
פערלאָזען 105
צו דער געליעבטער 108
הייליג 109
דוד און בת שֶבע 110

זייטע

ליעבע און ים 112
דער גאָט און די באַיאַדערע 114
דער ליעבעס סוד 120
צו די ליעדער 121
טויטע ליעבע 122
די שעהנע מינע 124
ארבייטער־ליעבע 126
ליעבע 127
ניט זאָרג זיך 128
חתן תורה 129
מינוט 130
בריסט 131
נאַקעט 132
די העכסטע פרייד; א בוך 133
גאָט'ס כונה; דו ווייסט שוין 134
צו פרוי ל. 135
אָהן ווערטער 136
ווי שווער 137
ביזט ניט צופריעדען 138
בלייבסט מיינע 139
עס איז געשעהן; אָבגענאַרט 140
איך רוף דיך גאָר ניט 141
די שלאַנג 142

זייטע

ווי בין איך מקנא 143
פערסישעם ליעד 144
די ערשטע בעגעגעניש 145
איצט ביזט דו מיינע 146
בלייב מיט מיר 147
איך וויל ניט מעהר; א גרויס הארץ 149
ווי מיין זעלמא 150
פערשטעהסט מיך ניט 151
א כשר'ער קרבן 152
מיין פערמעגען 153
איך ליעב דיך דאך 154
זייט גרייט 155
געשאָלטען און געבענשט 156
איך קען דיר; זעלמא 157
די ליעבסטע קומט 158
צו דער פישער־מיידעל 159
ים־ליעבע; אראבישעס ליעד 160
דער הימעל 161
פערסישעם ליעד 162
פרויען־אויגען 164
דאס אייבינע ליעד 165
אן אויסוואורף 166
א געפאלענער מלאך 169

זייטע

מאָנאָלאָג פון אַ געזונקענער 171
די זינדיגע 174
נאַכט־ליעדער 175
דרייערליי ליעבעם 179
די אָבגענאַרטע 180
פון די בערג 183
ניט זוך מיך 186
פערדינען 187
ליעבע און אָרעמקייט 189
שולמית 190
יהודית און הלפורנש 198

שיר השירים

. פון 217 ביז 255

לירישע ליעדער

פריהלינגם־ליעדער . . . . פון 259 ביז 267
זיסע ארבוטען 268
זומער 269
דער זומער־טאָג 272
דער שטראָם 273

זייטע

בלומען 274
שמעטערלינג 275
דער טייך 276
דער פֿאָעט 278
די צייט 279
צו די טעג 280
טרוים און ווירקליכקייט 281
שלאָף 282
מיין טיש 284